דער פאנצער ווינטער קלעמט מיין שטוב, מיט פראסט באזעסן,
און די אומרו מורמלט: זע דיין ליד פארגעסן . . .

אין מיין אליינקן ווינקל פויזן טונקעלע פחדים,
ווי שפונען גראבן זיך אריין אין גרויער צעל.
דאס רעשטל פרייד שוין וואקלט אויף א דינעם פאדעם,
און אלע ספקות שלייכן זיך ארום מיין שוועל.

דער שניי ליגט טויט צום קאלטן טרעפל צוגעקלאמערט,
און מיין פארלאזענע טיר — מיט טרויער צוגעהאמערט.

העדי אריעל

## סירל גרינבי ע״ה

דער טראגישער טויט פון סירל גרינבי, וועלכער איז אזוי יונג געגאנגען פון דער וועלט, האט געלאזן די יידישע אקטיארן מיט א טיפן טרויער אין זייערע הערצער. עס איז שווער שלום צו מאכן מיטן געדאנק אז מער וועט מען שוין נישט זען דעם פריינדליכן שמייכל פון דעם יונגן דירעקטאר וועלכער האט ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן זיך נאך אלץ אינטערעסירט מיט די פראבלעמען פון דעם יידישן טעאטער.

זיינע עלטערן, גערטי און איזידאר גרינבי ע״ה, זיינען געווען די גרינדער פון יידיש טעאטער אין „גרענד פאלעי" און דערצויגן זייערע צוויי זין אין אנ׳עכט יידישער אטמאספערע. סירל האט זער יונג אנגעהויבן צו נעמען אנ׳אקטיוון אנטייל אין דער אדמיניסטראציע פון דעם טעאטער. נאך דעם טויט פון זיינע עלטערן האט ער אנגעהאלטן די טראדיציע און געזען אז דאס לעבעדיקע יידישעווארט זאל נאך אלץ געהערט ווערן אזוי לאנג ווי לאנדאנער יידן וועלן עס פארלאנגען.

אין דער געגנווארט פון סירל גרינבי איז געווען אונמעגליך צו זיין א פעסימיסט און גלויבן אז יידיש טעאטער האלט ביים אונטערגיין. אפילו אין די לעצטע יארן, ווען דאקטוירים האבן געזאגט אז ער לעבט אויף געבארגטער צייט, האט ער זיין גאנצע ענערגיע אוועקגעגעבן צו ארגאניזירן די פארשטלונגען פאר פארשיידענע געזעלשאפטן.

איצט איז ער מער נישטא . . . צוערשט האט זיך אריינגעגנבעט א צווייפל אין די געדאנקען: „וועט עס ווייטער אנגיין ?. . איז דאס טאקע דער סוף שוין פון יידיש טעאטער אין „גרענד פאליי"?". אנ׳ענטפער אויף די פראגן האט שנעל געגעבן זיין עלטערער ברודער באזיל גרינבי: „מיינע עלטערן האבן געשפינט דעם פאדים פון יידישן טעאטער און עס איז מיין חוב צו זען אז ער זאל חס־ושלום נישט איבערגעריסן ווערן . . ."

דער פארהאנג איז געפאלן צום לעצטן מאל פאר סירל גרינבי, אבער עס וועלן אים אלעמאל דערמאנען מיט ליבשאפט זיינע פריינט, משפחה און די חברים שוישפילער.

**מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל.** דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער או־בעט

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12־1 (העפט 7־456) דרייסיקסטע יאר דעצ. 69, יאנואר 1970, לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

| | | |
|---|---|---|
| משה רבינו און יהושע בן נון ... לתקן עולם במלכות ש די | *** | 3 |
| דער גלויבן אין באשאפונג (עסיי) | יעקב ריכטיגער | 10 |
| דאס אלטיידישע מעשה־בוך (א קיצור פון אן אריינפיר) | יעקב מייטליס | 13 |
| לאנדאנער יידישע זעענסווירדיקייטן | דר. בערנארד האמא | 15 |
| דער ייד פון קאמעא־ווינקל (סקיצע) | ש. טענענבוים | 17 |
| שיע טענענבוים — דער שרייבער מיט אן אידעלער נשמה | עלען ווינאגראד | 18 |
| על נהרות בבל | מאיר גערטנער | 20 |
| די תליות אין באגדאד (ליד) | בערנארד קאפס | 21 |
| דער פאעט שמעון ווזעק צו זיין 75׳סטן געבוירן יאר | א. נ. ש. | 21 |
| שמעון ווזעק צו די 75 | ישראל עמיאט | 22 |
| פארנאכט, דער נר תמיד, אויף פרעמדע גאסן (לידער) | שמעון ווזעק | 23 |
| זיך ארויסגעפלאנטערט, שניי (פראזע און פאעזיע) | א. נ. שטענצל | 26 |
| צום טויט פון עני לעף | מ. באגדאנסקי | 34 |
| א במקום התנצלות. | | |
| יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס. | | |

**מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל.** דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער או־בעט.

---

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל
**פרייז 2 שילינג**
אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

---

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*

## א במקום התנצלות

איבער נישט פאראויסגעזעענע טעמים, לאמיר זאגן „טעכנישע", האט זיך דער דעצעמבער־נומער אביסל פארלאפן און איז אריין אין די הויכע יאנואר־וואכן. אזוינס האט זיך שוין נישט איינמאל פארלאפן מיט אונזער חודש־זשורנאל און ס'איז געבוירן געווארן א צוויי־חודשניק — א צווילינג! אבער דאס מאל מיינט פארטשעפען און צונויפטשעפען, נישט בלויז צוויי לויפנדיקע חדשים, נאר צוויי פארשיידענע יארן, ווייל דער חודש יאנואר געהער שוין צום נייעם יאר הבא עלינו לטובה און דער דעצעמבער־נומער צו אונזער יובל וואס איז זיך צעגאנגען מיט זיינע קלאנגען בכל תפוצות ישראל.

...א לויפער מיט זייגער אין האנט צוקומענדיק צו דער מעטע, אנקלאפנדיק אין דער וואנט, האט זיך צעקלינגען דער זייגער מיט אלע זיינע שפרונזענעס און — שוין! אבער צום גליק האבן זיך נאר גלאק־שפרונזענעס צעלאזן, אבער דער זייגער ב"ה גייט ווייטער. וועלן מיר די ווייזערס במחילה א ביסל א שטופ טון, צושרייבן אויפן שער־בלאט צום ציפער 446 אויך דאס זיבעלע (7) און דער היינטיקער נומער „לשון און לעבן", וועט זיין נישט נאר דער לעצטער נומער פון יאר 1969, נאר אויך דער התחלה־נומער פון יאר 1970. און דער וואס איך בין נישט ווערט צו מעלדן! — וואס העלפט די גאנצע וועלט, וועט דאך ווייטשעפל אוודאי העלפן.

מילא לאמיר זאגן ווייטשעפל האט טאקע שיין אויסגעשפילט! אבער מיר רעדן דאך לגמרי נישט פון א שפיל־קעסטל, צומאל נישט פון א זייגער מיט א גלאק, — ס'איז דאך נישט שוין ווענען צו וועקן! — מיר ריידן דאך פון א פראסטן זייגער, מיר זאלן וויסן ווו מיר האלטן אין דער וועלט . . .

איז מילא ווי לאנג מיר וועלן זיך האלטן, וועלן מיר זיך האלטן — וועלן מיר זיך האלטן מיטן שטיקל ווייטשעפל. דער נאמען אליין איז שוין מחייב.

מיט דעם גרויסן לאנדאן, מיט יהודישן, צומאל מיט אונזערע בלעז־יידן— מיט די „ביג־בענס"! — האבן מיר נישט קיין צו גרויסן שייכות. מיט גלאקן־ציערס און ראלן־שפילערס אוודאי נישט, — מיר שפילן נישט פארן טייפל און קלינגען נישט אין תיפלה אריין, — אונז געגוגט אז די צייט גייט ווייטער און מיר גייען ווייטער אן. און אקארשט נישט ערגעץ, בעסער האט דאך קיין שיעור נישט!

„אם כן" — אז דער צער פון אויסטראג איז יא אזוי גרויס, איז דאך נישט שייך א סך צו ברייען: פון התנצלות קומט סיווי גאר נישט ארויס, און פון זיך בייזערן — קיין גוטס נישט! טענות? צו וועם? צו דער וואנט? בלייבט דאך נישט עפעס אנדערש איבעריק, ווי אפצוגעבן א שבח וואס טראץ אלע „טעכנישע" שוואכקייטן, און איבערמענטשלעכע — —

נאר נישט ווידער פריש אנהויבן דארטן, ווו מיר האבן, משמעות, דווקא נישט געוואלט אנהויבן . . .

לאזט זיך דאך אלץ אויס, סוף כל סוף, צום גוטן, נו — וועלן מיר אויך מסיים זיין: נאר נישט קלינגען דעם „ביג־בען", נאר נישט שפילן יענע ראלעס.


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12־1 (העפט 7־456) דרייסיקטע יאר דעצ. 69, יאנואר 1970, לאנדאן


## משה רבינו און יהושע בן נון

„משה מת יהושע מכניס"

א.

דאס צעפונקלטע צעפלאמטע ווארט משה'ס,<br>
ביי יהושען א קאלט געשליפענע שווערט,<br>
און ווען ער דער רבי, פון זיין תלמידס מויל,<br>
דעת באפעל צום אויפמארשירנדיקן חיל הערט —

און פארן פאלק וואס שטייט כאיש אחד גרייט,<br>
ער דערזעט דעם ארון מיט די לוחות פאראויס — —<br>
צוזאמענגעפאלן, א צעבראכענער,<br>
שטילינק אין ג אטס ארעם בנשיקה ער גייט אויס.

ב.

יהושעס חיל שוין,<br>
צום קריג אנגעגורט גרייט,<br>
און ראפטים גאר דערזעט ער,<br>
א געשטאלט פאר אים שטייט,<br>
אין האנט אויסגעשטרעקט א שווערט.<br>
יהושע צוגייט:

„יא מלאך, צי נישט מלאך,<br>
דאס נישט די פראגע היינט;<br>
פון וועלכן לאגער ביזט דו,<br>
פון אונז אדער פון פיינט?<br>
דא שטייט א גאנץ פאלק אצינד,<br>
כאיש אחד פעראיינט."

„יא, אצינד כ'בין געקומען!<br>
הייליק דא ס'שטיקל ערד,<br>
ווייל תיכף באלד אויסגעווייקט,<br>
מיט מענטשלעך בלוט עס ווערט.<br>
פון די פיס אראפ די שיך,<br>
אדער פון האנט די שווערט."

איז יהושע בן נון,
בארפוס געבליבן שטיין!
צום חיל זיך אויסגעדרייט,
הויך אויסגערופן: „גיין״!!
ביז היינט צו טאג, די געשטאלט,
שטייט נאך דארט — מצבה־שטיין.

## „החלוש אמר גבור אני.״*

(צו די באשלוסן פון דער יונא נאוועמבער 1947 — 1969)

איז דאס געווען די בשורה פון די פעלקער,
פאר די פליטים פון די טויטן־לאגערס ענטרינען,
אז אין די טויערן פון ירושלים,
ווי טויטן־פליגן אין שטאכל־דראט פארשפינען —

נישט די אחרית הימים־רייד פון ישעיהן,
די נבואה פון יואלן זאל מקוים ווערן?
פון אקעראייזנס, פון סאכעס און קאסעס,
קאווען כל־ערליי מלחמה משחית געווערן.

„החלוש אמר גבור אני״! מיט געזשום,
פון מיגס און פאנטאמס און מיראזשן באטויבן;
א מלחמה־פאלק צווישן מלחמה פעלקער,
ככל הגוים דאס גוי קדוש זאל דערהויבן?

אויב דאס איז געווען די בשורה פון די פעלקער,
וועט אויך דער לעצטער יום הדין בקרוב קומען.
אלע פעלקער אין „עמק יהושפט״־טאל,
אז ס׳זאלן געמשפט ווערן צונויפגענומען.

די גאנצע ערד: „דם ואש ותמרות עשן״* — —
אן אטאם־מלחמה בעסער געקענט באשרייבן?
אויב נישט דער אחרית־הימים פון ישעיה,
קיין שריד ופליט פון מענטש נישט איבערבלייבן —

די לבנה ליידיקער טאץ געבליבן,
אויסגעשאטן אלע באצילן און מיקראבן,
שאטענען אויגן־לעכער צעפרעסענע־שארבנס —
די מיליארדן וואס זיך וואלגערן נישט באגראבן.

---

* יואל ג. ג.



## תקופת - טבת - נאכט ת.ש.ל.

גרוילעך אומענדלעך ציט זיך דער מילך־וועג,
קיין איין נפשל נישט אפצוזייגן;
פארציט זיך מיט וואלקענעס דאס פנים,
פארשעמט אין הענט ס׳וואלט זיך ארײנלייגן.

ווי גרוי עס ווערט, ווי פארלאשן עס ווערט,
לעצטע בלוט־טראפן רינען און רינען:
אויף בראך־שטול געזעסן גאנצן מולד,
און א טויט־געבוירן קינד געווינען.

פארבארגן אצינד אין דיקע נעפלען,
אונטער כמארעס פינסטער באהאלטן;
ווייט ווו אוועקגעפלייצט — ווינט און רעגן,
א שאטן צווישן פארשווינד־געשטאלטן.

די טריט פארווייען — שנייען־זאווייען,
דער וועג — שפיגל פארהאנגען מיט יילעך;
די לעצטע שקיעה־זונען צערינען,
טריפענער בלוטס־טראפ טריפט אין ערד־קיילעג —

פון מלאך־המות׳ס שווערט רינט זי —
ווי אן איי־שאל די ערד דורכגעבראכן!
סם־צעפרעסענע, פארגיפטיקט ליגן
ביידע — באזיגטער און בעל־נצחון.

גרוילעך אומענדלעך ציט זיך דער מילך־וועג,
גאנצער אין סוף איין אבלדיק שווייגן:
דער קבורת־חמור קבר צוגראבן,
נאר קיין קברן ס׳מת ארײנצולייגן.

## דער נצחון...

אלע שטערן־שליאכן שוין בארעכנט,
אויף א האר און אויף מילעמעטער;
ווי אויפן כדור־הארץ־קיילעך,
באוועגט זיך דער מענטש שוין אין עטער —

יא, מיט איין ברעקעלע פון איין אטאם,
גאנצן ערד־קויל ער קען צעברעכן!
דער מהלך פון קינען ביז איצט
מיט אלע קאמפיוטערס בארעכן:

נולן, נולן, נולן — אסטראנאמיש !
מ׳קאן ציילן אויף הימל די שטערן ?
אזוי די געוואלטיקע מסחרים,
מיט כל־ערליי כלי־זיין געווערן.

„בעבור נעלים" — אין אשוויץ
די שיך־קופעס מ׳זעט נאך דארטן !
אצינד נישט בלייבן דאך קיין מענטשן־קינד,
דעם גרויסן זאק־וויב אויסצוסארטן —

די צייט א פאדעשווע אין קאסמאס,
פון ארט זיך נישט צו באוועגן
און ראד אין רעדל — געשטערן גערדריי
שטרויכל־געשטיין אויף הימל־וועגן.

ערד־קיילעך אראפ פון „וואגן"־אקס —
ראד אינמיטן פלינקן גאנג צעבראכן
יא, אויב דער זיג באמת אזא איז,
איז דאס פארוואר דער גרעסטער נצחון.

## „נביא לגויים" — —

די עצה : „חטאך בצדקה פרוק",
דניאלס, דאך געגעבן אונזער פיינט;
ר׳האט זיך צוגעהערט, טא זעט ווי דער דייטש,
צווישן די פעלקער ווידער אויפגעשיינט.

נביאישע ווערטער ווערן ווארהאפטיק,
צי מען וויל יא, צי מען וויל ניש —
ירמיה פארשאלטן בויך וואס אים געהאט,
יונה זיך באהאלטן אין בויך פון פיש.

אויב אויפצושרייבן דעם „מנא מנא תקל"
פארשוועכט געווארן אונזער נקמה־האנט,
קאן מען זי דאך שוין צענעמען אצינד,
די הויך אויפגעשטעלטע בערלינער וואנט . . .

אויף שילומים־סלעים אפגעטוישט,
פון א מיליאן קינדער דעם רציחה־טויט — —
אז נישט „עוללים על הסלע"!
טא ווער ברויך די מויער וואס אויפגעבויט ?

---

* עמוס ג׳ ה׳.



אבער צי האט א נביא אונז געזאגט,
אז מיר זאלן נעמען אזא בלוט־געלט ?
נו, ווערט עס אצינד טאקע פארפולווערט,
און נישט איין הרוג־העלד בלייבט אויף שלאכט־פעלד.

אזא גוט־מאכונג געלט איז פארשאלטן !
אבער אונזער וואנט, אונזער כותל־וואנט,
בלייבן שטיין ביז דער שלום פון דער וועלט,
אונטערגעשריבן וועט זיין מיט ג אט׳ס האנט.

## „שמע קולינו חוס ורחם עלינו"

מ׳זאגט שמונה־עשרה דריי מאל אין טאג,
דער גאנצער עולם דער שליח־ציבור;
איז עס 18 ברכות ? 19 דאך !
אנו, זייטזשע אזוי גוט ציילט איבער.

מען שאקלט זיך, מען דאוונט, מען בעט,
דריי מאל יעדן טאג און טאג־טעגלעך,
און אזא גרויסער מאוסער טעות — —
באמת וויאזוי איז אזוינס מעגלעך ?

אפנים, אז עס ציילט זיך נאר בלויז,
ביז די ברכה פון „עושה שלום";
ווארום אויב „תקע בשופר", „ותחזנה" — —
איז שלום דעמאלט א בלויסער חלום —

„בשובך לציון ברחמים",
מוז מען ווארטן ביז משיח זאל קומען !
אבער אצינד אז מען האט זיך שוין,
צו געלאדענעם כלי־זיין גענומען — —

שטייט מיין הארץ שמונה־עשרה שטיל,
אנגעלאדן מיט טרערן און מיט טרויער :
וועט עס זיך אזוי אייביק ציען,
דער בלוטיקער שליאד מדור לדור ?

„שמע קולינו חוס ורחם עלינו",
מוזן מלחמות אייביק דויערן ?
וועט קיינמאל נישט צווישן פאלק און פאלק,
אויפהערן דאס טשאטען און לויערן ?

## „אין ברירה — יש ברירה"!

### א.

נישט איבער טיש געקלאפט ס'האט דער שליח,
אין הערצער אונזערע מיט צעשטרעקטער האנט:
„וואלט איר אין מיליאנען עולה געווען,
געוואגט ווער צוריק וועלן די מערב וואנט"?

ווי זיין קאפ אין זאמד ס'בייגט דער פויגל שטרויז,
פארשעמט אראפגעבויגן דעם קאפ פאר שאנד:
„אויב פאר אלע לענדער א שעיר־לעזאזל
פארוואס נישט אויך פארן אייגענעם לאנד"?

### ב.

אלע בריקן צו צעברעכן,
אז באין־ברירה צו בלייבן,
ווי דעמאלט משה רבינו,
אין ים אונז אריינצוטרייבן?

אין יענער פאפירענער בריק,
ווי אמאל אלס קינד כ'פלעג גלייבן,
נישט אויפהערן כ'וועל, אויב יעצט נאך,
דאס ליד דא געקענט אויפשרייבן.

(סאנעט)

וועלכעס פאלק אונז געוואלט איינשלינגען,
אליין געווארן ס'איז דערשטיקט;
עס האט נאך קיינעם נישט געגליקט,
און ס'וועט אויך קיינמאל נישט געלינגען —

קלויסטער גלעקער הייליק געקלינגען,
מיט שייטער־פונקן פרום געבליקט;
לאנץ־קנעכט הינטיש־וועלפיש פארציקט,
ביר פארטרינקן „הייל" שוין געזינגען.

נישט קירכע, נישט קרעמאטאריע,
און נישט וועלכע ס'איז טעאריע,
לעבעדיקע אונז צו פארציקן —

קיינעם עס וועט נישט געראטן!
זון אין צעניט און דעם שאטן
די טריט צעדריקן און דערשטיקן.



## (צו א קאלעגע)

ווער עס וועט אונזערע לידער לייענען?
ג אט, ווען ער וועט די מענטשן באווייַנען.

אז ווער זיינען זיי, ז'זאלן זיי לעזן?
שטערבלעכע — היינט דא, מארגן געוועזן.

מוזן מיר אזעלכע לידער שרייבן,
זיי זאלן אומענדלעך קענען בלייבן.

לייב און לעבן אין זיי אריינלייגן,
ליפן צעביסענע, פון פארשווייגן.

מיר שרייבן פאר ג אט אונזערע לידער,
גין־גאלדן שלאס געבונדענער סידור.

ג אט אים עפענען דאווענען דערינען,
די ימים טרערן וועלן צערינען —

אז ווידער אין־סופיק ער זאל ווערן,
„ורוח אלוקים" שוועבן נישט אויפהערן.

## „לתקן עולם במלכות ש די"

איך האב נאך געקענט יענע יידן,
געוויקלטע מזוזות אין שיידלען;
זייערע געשורהטע שטערנס,
פארמעטט אויסגעארבעטער זיך איידלען.

באטראכטן נאר זייערע שוועלן,
הויך־געהויבן געקושט די ביישטידל;
וואלט איך נישט געקענט יענע יידן,
וויאזוי געשריבן נאך מיין לידל?

„לתקן עולם במלכות ש די"!
איז דען פאראן אן אנדערע ברירה?
פון מאסקווע און פעקין, ביז ניו יארק,
איבער ירושלים און קיירא.

אלכסנדר יאסל דולער ע"ה, דער פארעם־טעכניקער פון דער נאראד־פרעס, איז לעצטן חודש נאך א לאנגע און שווערע קראנקייט געשטארבן.

אין נאמען פון דעם צוויי צענדליק דרוקער־ארבעטער, מאשיניסטן און פארעם־טעכניקער און אויך אין נאמען פון די בעלי־בתים, די ברידער ברכוכבא און כרמל נאראד, און פון רעדאקטאר פון „לשון און לעבן", דריקן מיר אויס טיפן מיטלייד צו דער געבליבענער אלמנה און זון.

ד. ר.

## „אין ברירה — יש ברירה"!

א.

נישט איבער טיש געקלאפט ס'האט דער שליח,
אין הערצער אונזערע מיט צעשטרעקטער האנט:
„וואלט איר אין מיליאנען עולה געווען,
געוואגט ווער צוריק וועלן די מערב וואנט"?

ווי זיין קאפ אין זאמד ס'בייגט דער פויגל שטרויז,
פארשעמט אראפגעבויגן דעם קאפ פאר שאנד:
„אויב פאר אלע לענדער א שעיר־לעזאזל
פארוואס נישט אויך פארן אייגענעם לאנד"?

ב.

אלע בריקן צו צעברעכן,
אז באין־ברירה צו בלייבן,
ווי דעמאלט משה רבינו,
אין ים אונז אריינצוטרייבן?

אין יענער פאפירענער בריק,
ווי אמאל אלס קינד כ'פלעג גלייבן,
נישט אויפהערן כ'וועל, אויב יעצט נאך,
דאס ליד דא געקענט אויפשרייבן.

(סאנעט)

וועלכעס פאלק אונז געוואלט איינשלינגען,
אליין געווארן ס'איז דערשטיקט;
עס האט נאך קיינעם נישט געגליקט,
און ס'וועט אויך קיינמאל נישט געלינגען —

קלויסטער גלעקער הייליק געקלינגען,
מיט שייטער־פונקן פרום געבליקט;
לאנץ־קנעכט הינטיש־וועלפיש פארציקט,
ביר פארטרינקן „הייל" שוין געזינגען.

נישט קירכע, נישט קרעמאטאריע,
און נישט וועלכע ס'איז טעאריע,
לעבעדיקע אונז צו פארציקן —

קיינעם עס וועט נישט געראטן!
זון אין צעניט און דעם שאטן
די טריט צעדריקן און דערשטיקן.



## (צו א קאלעגע)

ווער עס וועט אונזערע לידער לייענען?
ג אט, ווען ער וועט די מענטשן באווייגען.

אז ווער זיינען זיי, ז'זאלן זיי לעזן?
שטערבלעכע — היינט דא, מארגן געוועזן.

מוזן מיר אזעלכע לידער שרייבן,
זיי זאלן אומענדלעך קענען בלייבן.

לייב און לעבן אין זיי אריינלייגן,
ליפן צעביסענע, פון פארשווייגן.

מיר שרייבן פאר ג אט אונזערע לידער,
גין־גאלדן שלאס געבונדענער סידור.

ג אט אים עפענען דאוונען דערינען,
די ימים טרערן וועלן צערינען —

אז ווידער אין־סופיק ער זאל ווערן,
„ורוח אלוקים" שוועבן נישט אויפהערן.

## „לתקן עולם במלכות שדי"

איך האב נאך געקענט יענע יידן,
געוויקלטע מזוזות אין שיידלען;
זייערע געשורהטע שטערנס,
פארמעט אויסגעארבעטער זיך איידלען.

באטראכטן נאר זייערע שוועלן,
הויך־געהויבן געקושט די ביישטידל;
וואלט איך נישט געקענט יענע יידן,
וויאזוי געשריבן נאך מיין לידל?

„לתקן עולם במלכות שדי"!
איז דען פאראן אן אנדערע ברירה?
פון מאסקווע און פעקין, ביז ניו יארק,
איבער ירושלים און קײרא.

אלכסנדר יוסל דולער ע"ה, דער פארעם־טעכניקער פון דער נאראד־פרעס, איז לעצטן חודש נאך א לאנגע און שווערע קראנקייט געשטארבן.
אין נאמען פון דעם צוויי צענדליק דרוקער־ארבעטער, מאשיניסטן און פארעם־טעכניקער און אויך אין נאמען פון די בעלי־בתים, די ברידער ברכוכבא און כרמל נאראד, און פון רעדאקטאר פון „לשון און לעבן", דריקן מיר אויס טיפן מיטלייד צו דער געבליבענער אלמנה און זון.
ד. ר.

יעקב ריכטיגער

# דער גלויבן אין באשאפונג

דער „בראשית ברא“ און דאס גאנצע ערשטע קאפיטל פון „ששת ימי בראשית“ באשרייבט בלויז, דעם באשאפונגס־סדר פון דער ערדישער וועלט, ניט דעם באשאף פון דער קאסמישער. די אנצאליקע מיליאנען גאלאקסעס אדער מילכוועגן מיט זייערע הונדערטער מיליאנען זון־סיסטעמען, און דער אומענדלעכער רוים אדער „חלל“ ספעס, ווו זיי שוועבן ארום זענען ניט איינבאגריפן אין די מעשה בראשית. לויט דער באשרייבונג אין תורת משה, וואס אירע תלמודישע אויסטייטשער באשטעטיקן, האט זיך דער ערדישער וועלטס־יצירה אנגעהויבן — מיליארדן יארן נאך דער אנטשטייאונג פון דער קאסמישער, און פון „יש“ פאראנענע סובסטאנצן אין רוים איז די ערדישע וועלט באשאפן געווארן. (יומא נ״ד).

פון וואס די קאסמישע וועלט איז אנטשטאנען ווייסט קיינער ניט, ווי קהלת זאגט — „גם את העולם נתן בלבם“: אויך די פעיקייט ארויסצופארשן די קאסמישע וועלט איז געגעבן געווארן צו די מענטשנקינדער, אבער אין אזא אופן, זיי זאלן ניט אויסגעפינען דעם אנפאנג און סוף פון באשאף. (קהלת ג׳) כאטש די קאסמאלאגישע וויסנשאפטלער האבן מיט זייערע מאדערנע אינס־טרומענטן אריינגעדרינגען זער טיף אין רוים און אנטדעקט „קאסי סטעלאר גאלאקסעס“: אומגעהויערע מילכוועגן, וואס זייער אפשטאנד פון דער ערד איז, אז א ספעסשיף וועט פליען — אזוי שנעל ווי א ליכט שטראל — זיבן הונדערט און אכציק מיליאן מייל אין א שעה וועט איר נעמען צוועלף מיליארד יארן צו דערגרייכן זיי, דאך האבן זיי ביז איצט דעם אנפאנג און סוף פון רוים אדער דעם מקור פון ממשותדיקייט ניט אנטדעקט. ווי מען זעט עס פון די וייטער ציטירטע דעות . . .

לויט איין טעאריע, וואס ווערט אין ענגליש אנגערופן „טהי סטעדי סטעיט“: דער המשכדיקער צושטאנד, איז דער קאסמישער פראצעס אן אייבי־קער; ער האט קיינמאל ניט געהאט א אנהייב און וועט זיך קיינמאל ניט ענדיקן. די גאלאקסעס אדער מילכוועגן שוועבן דויערנדיק אויף זייערע באנען אין אומענדליכן רוים ביז זיי שטויסן זיך אן אין אנדערע, ווערן צעשמעטערט און פון זייערע שפליטערס אנטשיין נייע. און לויט א צווייטע טעאריע, וואס ווערט אין ענגליש אנגערופן „ביג בענג“: דער גרויסער קנאל, איז מיט מיליארדן יארן צוריק פארגעקומען ערגיץ אין רוים אן אומגעהויערער אטא־מישער אויפרייס און פון די אין אלע זייטן צעפלויגענע שטיקער אנטוויקלען זיך כסדר גאלאקסעס אדער מילכוועגן.

מערקווערדיק איז וואס די באשרייבונג אין תורת משה, וועגן דער פאר־מאציע פון דער ערדישער וועלט זעט אויס ווי זי וואלט געווען די אידעישע סקיצע פון דער מאדערנער געאלאגישער און ביאלאגישער וויסנשאפט. דאס ערשטע קאפיטל פון בראשית איז ניט אן אלעגארישע בילדער גאלעריע פון



געטער, וואס מען מוז אויסשטעלן זייער באטייט, ווי די דאקומענטאציע פון אנדערע פארצייטישע קולטן, נאר קלאר און דייטלעך באשרייבט תורת משה דעם סובסטאנץ פון וועלכן די ערדישע וועלט איז באשאפן געווארן. — „די ערד איז געווען וויסט און פוסט, איינגעהילט אין פינצטערניש ביזן דנא, און פון א וואסערדיקער פליסקייט איבער וועלכער דער גייסט פון אלמעכטיקייט אדער באשאף האט געשוועבט“.

אויך דער סדר פון באשאף איז שטאפלדיק און ענלעך צו דער טעארע־טישער ליניע פון דער מאדערנער עוואלוציאניסטישע שולע. צו ערשט — „ויאמר אלקים יהי אור“ — איז די וואסערדיקע פליסיקייט באלויכטן געווארן און געשאפן דעם ערשטן קאנטראסט צווישן העלקייט פון טאג און טונקלקייט פון נאכט. דעם צווייטן טאג „יהי רקיע בתוך המים“ זענען טומאנען אויפגע־שטיגן פון דער וואסערדיקער פליסיקייט און ארומגענומען, ווי מיט א שלייער דעם ערדישן פלאנעט, וואס דערפון איז געווארן די אטמאספערע. דעם דריטן טאג האבן זיך געדיכטע שטיקער פארזעצט אין דער וואסערדיקער פליסיקייט, האט די אלמעכטיקייט אנגערופן די טריקעניש — לאנד און די וואסערדיקייט — ים׳ן. אין משך פון צייט האט די פייכקייט אויפן לאנד פראדוצירט א גרינעם שימעל און מאכשוועמלעך, פון וועלכן גראז אוןביימער האבן זיך צעוואקסן אין פארשידענע מינים.

דעם פירטן טאג איז דער „אור של יום ראשון“: די ערשטע באלייכטונג אנגעהויבן צו פארשווינדן, (חגיגה י״ב) און א מאסע פון אייז האט גענומען באדעקן די גאנצע אויבערפלעך פון דעם ערדישן פלאנעט, „יהי מאורות ברקיע השמים“, האט די אלמעכטיקייט אים געגעבן אן אנדערע באן אין זון־סיסטעם, אז די אויסשטראלונג פון דער זון זאל געבן ליכט, ווארעמקייט און אויך פארצייכענען טעג, נעכט, סעזאנען און יארן. דעם פיפטן טאג האבן זיך געווידמעט אלערליי מינים בעל חי: אין וואסער פיש, אין דער לופט געפליגעל און אויף דער ערד היות. דעם זעקסטן טאג איז דער מענטש באשאפן געווארן. דערמיט האט זיך געענדיקט די יצירה פון דער ערדישער וועלט, מיט אלעם וואס געפינט זיך ארום און אויף איר.

פאראדאקסאל איז, וואס אויך די יצירה־צייט פון דער ערדישער וועלט זעט אויס צו זיין לערך אין הסכם מיט דער פעסטשטעלונג פון דער נאטור וויסנשאפט. די מאדערנע געאלאגישע פארשער האבן אויסגערעכנט אז עס האט גענומען די ערדישע וועלט צו אנטוויקלען זיך, פון איר תהו ובהודיקן צושטאנד ביז צו די דרשיינונג פון ערשטן קולטור מענטש, זעקס מיליארד יאר. אין פלוג איז דער געאלאגישער השבון אין סתירה מיט די אין תורת משה פארצייכנטע זעקס באשאפונגס־טעג. פאקטיש אבער — ווי מען וועט ווייטער זען איז די אנגעגעבענע צייט פוןביידע לערך גלייך.

מען דארף אין זינען האבן אז די איינציקע מאס פון צייט איז די דויער פון אומקרייזן א צירקל, וואס בייט זיך לויט די גרייס פון צירקל, ווי למשל: די לענג פון א מעת לעת איז די דויער פון דער ערד׳ס ארומדריי אויף איר

אקסן און די לענג פון א יאר איז די דויער פון איר אומקרייז ארום די זון, מחמת דעם זענען די טעג אדער יארן אנדערש פון פלאנעט צו פלאנעט, אז דאס יאר פון פלאנעט נעפטון איז אזוי לאנג ווי הונדערט פינפענפופציק ערדישע יארן. דעריבער פרעגט זיך –– אזוי ווי ערשט דעם פירטן טאג איז די ערד באהאפטן געווארן — מיט דעם זון־סיסטעם און האט באקומען אירע פעסטגע־שטעלטע ערדישע צייטן — וואס וויל זאגן דער „ויהי ערב ויהי בקר יום אחד“ און אזוי ווייטער, ווען די ערד־זון מעת לעתן זענען נאך ניט געווען?

מען איז דערפאר בארעכטיקט אנצונעמען אז די מעת לעתן פון „אור של יום ראשון“: פון דער בראשיתדיקער ליכט־אויסשטראלונג זענען געווען פון א קאסמישן צירקל אומרינגלונג, ניט ווי די איצטיקע פון אן ערד־זון אומקרייז. מען דארף וויסן, אז ליכט־שטראלן, וואס באוועגן זיך זיבן הונדערט און אכציק מיליאן מייל אין א שעה, האט גענומען פון די „קאסי סטעלאר גאלאקסעס“ צוועלף מיליארד ערדישע יארן צו דערגרייכן די ראדאר אפאראטן פון די אסטראנאמער. אזוי איז קיין גוזמא ניט אנצונעמען אז דער מעת לעת פון די ערשטע ליכט־ארומצירקלונג — פון מקור צו מקור — איז געווען גלייך צו די לענג פון א מיליארד ערדישע יארן. עס איז אזוי ווי בן סירא זאגט — אלף שנים כנטף בים המה וכגרגיר בחול נחשבו לעמת חיי עולמים“: טויזנט ערדישע יארן זענען ווי א טראפן אין ים, ווי א זאמד קערנדל זענען זיי גערעכענט אין קאס־מישן צייט רעכענונג. (בן סירא י״ח־ח׳).

דער אויספיר, אז די „ששת ימי בראשית“: די זעקס באשאפונגס טעג פון תורת משה זענען געווען קאסמישע, ניט ערדישע, איז שוין לאנג אנגענומען געווארן פון אונזערע חכמים; נאכן „ויהי ערב ויהי בקר יום הששי“: עס איז געווארן אווענט און מארגן פון זעקסטן טאג, דערקלערט רבי סימון בר מרתא — „עד כאן מונין למנינו של עולם מכאן ואילך מונין למנין אחר“: ביז צום סוף פון די באשאפונגס־טעג און ווייטער ציילט מען לויט דער קאסמישער מאס פון צייט, פון די זעקס באשאפונגס־טעג און ווייטער ציילט מען לויט די ערדושע מאס פון צייט, וואס די לענג פון א מעת לעת איז פירענצוואנציק ערידשע שעה. (בראשית רבה פ״ט) און אין אמתן איז דער אנהייב פונקט פון אונזער טראדי־ציאנעלן צייט רעכענונג — לבריאת העולם — דער סוף פון די זעקס באשא־פונגס־טעג ניט דער אנפאנג. (ויקרא רבה פכ״ט־א׳) אדער פון ערשטן קולטור מענטש, וואס האט אנגעהויבן צו באמערקן די ערדישע צייט . . .

## דאס 50׳סטע יאר פונם באשטיין פון דער ליבריטש ראד-שול

„שער שמים“, איז געפייערט געווארן מיט א רעליגיעזע צערעמאניע אין שול און מיט א באנקעט אינם זאל. גערעט האט דער באקאנטער רב, דיין פישער, א.א. די תפילות האט געזאגט דער באקאנטער חזן רעוו. דוד פרידמאן פון דער נעלסאן סטר. שול, ווייל דער באקאנטער חזן, רעוו. מילך פון דער ליבריטש ראד שול, געפינט זיך אויף אן אפעראציע אין שפיטאל. מיר ווינטשן חזן מילך א רפואה שלימה.



יעקב י. מייטליס

# דאס אלטיידישע מעשה-בוך.[1]

## (א קיצור פון אן ארייינפיר)

דאס אלטיידישע „מעשה־בוך“ איז געדרוקט געווארן אין באזעל אין יאר שס״ב (1602). דאס באטייט אבער נישט, אז אט די ערשט אויסגאבע מיט אירע 257 מעשיות איז געשטאנען ביים סאמע אנהייב פון דער יידישער מעשה. די מעשיות, וואס א געניטער און פעיקער רעדאקטאר האט קונציק און מייס־טעריש צונויפגענומען און סיסטעמאטיזירט אין זיין אגדה־אוצר מיט פאר־שיידנארטיקע שטאפן און זשאנערס, זיינען אין דער אמתן אפשר נאר דער ליטערארישער סך־הכל פון א לאנגן פראצעס פון דער פאלקס־יצירה, וואס האט זיך געצויגן אין משך פון דורות, ביז זי האט דערגרייכט א מדרגה פון דערציילערישער שטייגערישקייט און ליטערארישער צייטיקייט. א סך פון די מעשיות האט מען איבערגעגעבן בעל־פה פון דור צו דור, דערציילט און איבערדערציילט מיט שינוים און הוספות, אפט פארשריבן אין כתב־ידן, וואס האבן דערנאך גענומען וואנדערן פון האנט צו האנט און וואס דאס פאלק האט געלייענט מיט א סך אינטערעס און גרויס חשק. אט דער פילפנימדיקער פאלקסטימלעך־נאראטיווער שטאף, וואס איז געפלאסן פון כל המינים קוואלן, סיי פון בעל־פה־טראדיציעס און סיי פון תלמוד־און־מדרש און אנדערע מקו־רים, זיינען מיט דער צייט געווארן צונויפגעזאמלט און שפעטער געדרוקט.

בדרך כלל איז די מעשה סיי אין איר העברעאישן אדער שפעטערדיקן יידישן לבוש, סיי ווי דאס קריסטלעכע עקסעמפלום (משל), געקומען אונדז עפעס לאזן הערן. זי איז אין תוך דידאקטיש דערציעריש. דער דערציילער האט נישט דערציילט זיין סיפור־המעשה אדער משל סתם אזוי, לשם הנאה, נאר האט געוואלט מיט דעם עפעס אויסנעמען, עפעס פועלן. ווייסן מיר, אז שוין פון קדמונים און בפרט ביי די אריענטאלישע פעלקער, האט מען באנוצט די מעשה פאר א רעליגיעז־מאראלישן ציל און תכלית. די מעשה האט געדינט ווי אן אילוסטראציע פאר געוויסע רעליגיעזע אדער עטיש־געזעלשאפטלעכע ווערטן און אמתן. דערפון האט דער עולם געזאלט אפלערנען גוטע מידות, ווי זיך נוהג צו זיין אין לעבן און גיין בדרך הישר און געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן פון ג אט און מענטש.

אבער די מעשה האט אויך געוואלט אמאל אונטערהאלטן און אמוזירן דעם עולם, פשוט פארטרייבן די לאנגווייל פון די שטיבער. דער מעשה־דערציילער האט דעריבער נישט תמיד געקענט זיין פארעקשנט פרום און

---

[1]) א קיצור פון דעם ארייינפיר צו זיין אט־וואס דערשיינטער פארשונג „דאס מעשה־בוך“, ארויסגעגעבן פון „מוסטערווערק פון דער יידישער ליטע־ראטור“, בוענאס איירעס. 365 זייטן מיט טעקסטן, הערות וועגן מקורים און מאטיוון פון די מעשיות.

צארנדיק אנגעברוגזט ווי די שטרענגע מוסר־זאגערס. אדרבא, ער האט אמאל געוואלט א שטיף טאן מיטן עולם, א ביסל אפלאכן און אפשפאטן פון דעם דערעסענעם ארום. אזוי ארום איז צוגעקומען א נייער זשאנער פון מעשיות אין א מער מיושבדיק־וועלטלעכן לבוש. די מעשה אין איר נייעם לבוש איז ערדיש פריילעך, אפט אפילו פארשייט מיט א ביסל קלות ראש ווי א צולאג. זי נעמט אויס ביים עולם וואס קוויקט זיך מיט איר חוזק און שארפזין. עס איז אפט דער אנעקדאט, דער קאטאוועס און חוזק־מעשהלע, וואס טרעפט אין סאמע פינטל אריין. מיט אזא אפלאכעריש לייכטן מאניר דערמאנט אונז אזא מעשה גיכער באקאטשיאס „דעקאמעראן" איידער א פרום מוסרדיק ספר, פון וואנען דאס רוב מעשיות זיינען געפלאסן.

דאס „מעשה־בוך" אין זיין איצטיקער געשטאלט מיט זיין רייכן פילפארביקן נאראטיוון מאטעריאל, איז מיט דער צייט געווארן איינס פון די באליבטסטע פאלקסביכער אויף יידיש און איז געווארן כסדר פון דאסניי איבערגעדרוקט, שפעטער מיט קאנטיקע שינוים און הוספות. זיין דערפאלג איז געווען אזוי גרויס, אז מיר קענען פארנאטירן, אז צווישן די יארן 1602 און 1763, בכן אין משך פון קיילעכדיקע הונדערט און זעכציק יארן, זיינען דערשינען נישט ווייניקער ווי 18 נייע, אפט פארגרעסערטע און פארבעסערטע אויפלאגעס פון בוך. הייסט דאס, אז כמעט יעדע ניין יאר איז ארויס א נייע אויפלאגע, א באוויז ווי פאפולער עס איז געווען דאס „מעשה־בוך" אין זיין פאלקסטימלעכן נוסח און דערציילערישער פשטות. זיין ליטעראַרישער נצחון־גאנג האט אפילו נאך אנגעהאלטן אין משך פון 19טן יאר, בשעת די יידישע ליטעראטור האט דערוואכט צו א נייעם לעבנס־געפיל און געשפרייזט גדלותדיק איבער נייע שאפערישע וועגן, און האט אויף אזא אופן דירעקט אדער אומדירעקט באפרוכפערט די מאדערנע יידישע ליטעראטור.

דאס „מעשה־בוך" איז פארבליבן דער אייזערנער באשטאנט פון א דורות־אלטער טראדיציע אין יידיש, וואס האט געפלייצט מיט אימפעט און זיך כסדר באנייט. די מעשה מיט אירע טראדיציאנעלע רעקוויזיטן און א שלל פון אינטערנאציאנאלע מאטיוון, האט באקומען איר ליטעראַרישן תיקון אינעם „מעשה־בוך". שטראלט נאך עד היום ארויס פון זיינע פארגעלטע בלעטלעך א שטיל צניעותדיק ליכט, וואס כישופט מיט טויזנט חנען. מיט זיין תמימות און פשטות, מיט זיין שטייגערישקייט און א ביסל לעבנספרייד, האט זיך אט דאס פאלקסבוך קונה שם געווען ביים יידישן לייענער אין משך פון לאנגע דורות, אין אים געשטארקט זיין בטחון און האפענונג. נאך היינט דערקוויקן זיינע ליבלעכע מאטיוון און שפילעוודיקע מעשהלעך אונזער הארץ און דערפרישן אונזער געמיט מיט זייער עכטקייט און קוואליקייט.

## ישׂראל קינסטלער אין דער ווייטשעפל גאלעריע

דריי ישׂראל קינסטלער: אגאם, ליפשיץ, צארינסקי האבן דעם חודש אן אויסשטעלונג אין דער ווייטשעפל גאלעריע, זייערע בילדער ציען צו אן עולם.



ד״ר בערנארד האמא

## לאנדאנער יידישע זעענסווירדיקייטן *

דאס אפהיטן מצוות איז, געוויינטלעך, באשרענקט צו דער היים און דער שול, טיילמאל אבער מערקט עס זיך אויך אויף דער גאס. א יידישע געגנט קען מען לייכט דערקענען דורכן ספעציפיש יידישן טיפ פון געשעפטן ווי כשרע יאטקעס, יידישע רעסטאראנען און מוכרי־ספרים, דורך א געלעגנהייטלעכן יידישן פלאקאט און אודאי און אודאי דורכן פאקט וואס אסך סוחרים טראגן באשיינפערלעך יידישע נעמען, טיילמאל אפילו געמאלן מיט יידישע אותיות, און אפשר אויך דורך א מזוזה, וואס הענגט אזוי בולט ביי דער טיר. חוץ דעם, איז דאך א גרויסע צאל געשעפטן און פאבריקן געשלאסן שבת און יום־טוב. אט אזא בילד פלעגן מיר האבן אין די זייטן־געסלעך פון וויטשעפל און סטעפני, איבערהויפט פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס זענען אבער דארט נאך געווען אנדערע שטריכן, וואס מען האט נישט געקענט זעען ערגעץ־אנדערש אין ענגלאנד, ווארום גראד דא האט זיך געפונען די גרעסטע קאנצענטרירונג פון יידישע אימיגראנטן.

אפילו איידער נאך אט די אימיגראנטן זענען אהערגעקומען איז די געגנט ארום אלדגייט און האונדסדיטש געווען גוט באפעלקערט פון יידן און עס זענען דארט יאר־יערליך פארגעקומען זאכן פון ספעציעל יידישן אינטערעס. דער רב־הכולל — טשיף־ראביי — ד״ר נתן אדלער, וועלכער האט דעמאלט געוואוינט אין אט דער געגנט, פלעגט יעדן יום־כפור אין דער פרי זיך אנטון אין א ווייסן קיטל און קאפל אין דער היים און אזוי געקליידט גיין איבער די גאסן אין דער גרויסער שול אריין. אנגעקומען קיין אלדגייט היי־סטריט, וואס ער האט גאדארפט אריבערקווערן, פלעגט די פאליציי אפשטעלן דעם גאסן־פארקער, כדי צו דערמעגלעכן דעם רעליגיעזן ראש פון דער יידישער קהלה אומגעשטערט זיין גאנג אויפן וועג צום דאווענען אין יום־הקודש.

ביי אלדגייט האט זיך געפינען, און געפינט זיך נאך אלץ, דער בארימטער יידישער מארק, פעטיקאוט־ליין, וואס איז שבת און יום־טוב תמיד געשלאסן. אחוץ די באשיינפערלעכע כאראקטעריסטיקעס פון אט דעם מארק, ווי יידן מיט גרויסע בערד פארקויפן בינטלעך ציצית און ארבע־כנפות, טישן מיט זויערע אוגערקעס און זאלץ־הערינג, און יידינעס פארקויפן בייגל, האט מען גאדארפט זעען די אויסערגעוויינטלעכע סצענע פון חמץ־בטל־נאכט. ערב־פסח, ווען פיל געוועלבער פלעגן ארויסרוימען דעם חמץ, איז געווען ביז 1914 א געלעגנהייט פון גרויסער לוסטיקייט. המונים מענטשן, דער עיקר יוגנט, פלעגן זיך דא פארזאמלען פון אלע עקן לאנדאן צו באקוקן די פסחדיקע געפעסן אויף די גאז־באלויכטענע טישן ווי אויך אנטיילצונעמען אין דער אלגעמיינער שמחה, וואס האט זיך פארצויגן ביז שפעט אין דער נאכט אריין.

* א קאפיטעלע פון דער בראשור, „ארטאדאקסיע אין ענגלישן יידנטום", ארויסגעגעבן פון דער יידישער היסטארישער געזעלשאפט אין ענגלאנד.

היות די געשעפטן האבן זיך געמוזט נעמען שליסן פיל פריער, האט דער מנהג אויפגעהערט.

אן אנדערער יערלעכער מנהג פון אויסערגעוויינטלעכער וויכטיקייט פלעגט זיין דאס גיין צו תשליך. אזוי ווי די איסט־ענד ליגט נאנט צו דער טעמזע איז עס געווארן דער פאסאן כמעט פאר גאנץ ווייטשעפל אהינצוגיין צום טאוער און אריינצוװארפן די זינד אינם דערבייאיקן טייך אריין. פאטאגראפיעס פון מאסן מענטשן, וואס פלעגן זיך פארזאמלען דארטן צו אט דעם צוועק, האט מען געקענט זען פון צייט צו צייט אין די גרויסע ענגלישע טעגלעכע צייטונגען.

קיין שום ספק האט נישט געקענט עקזיסטירן בנוגע דער שבת־אטמאספערע אין די הינטערגעסלעך פון ווייטשעפל. באלד אין דער פרי פלעגט מען זעען שבת־גוים גיין פון הויז צו הויז מאכן פייער. נישט לאנג דערנאך זענען טאטעס מיט קינדער געגאנגען אין שול אריין צום דאווענען, אטייל פון זיי האבן געטראגן צילינדערס בעת די יינגלעך האבן נאכגעטראגן דעם טאטנס טלית־זאק. פארשטייט זיך, אז דעס זענען געווען יינגלעך פאר דער בר־מצווה. אויפן וועג אהיים פון שול, ארום האלבן טאג, האבן שוין מיידלעך געאיילט מיטן טשאלנט־טאפ פון דער נאנטסטער יידישער בעקריי. קלאר, אז ארטאדאקסישע יידן האבן גארנישט געהאט דאגעגן, אז זייערע קינדער, וואס האבן נאך נישט געהאט דערגרייכט דעם בר־מצווה עלטער, זאלן שבת טראגן די טליתים־זעק און טשאלנט־טעפ איבער די גאסן.

פארשטייט זיך, אז אין דער איסט־ענד האט מען אויך געקענט זעען די שבת און יום־טוב חלות ביים בעקער; אנגעצונדענע שבת־ליכט און די פלעמלעך פון חנוכה־ליכטלעך אין די פענסטער פון אסך הייזער; המן־טאשן און ספעציעל דעקארירטע קוילעטשן פורים; פעקלעך מצות און אנדערע מאכלים מיט א סטעמפל „כשר לפסח“; לולבים און אתרוגים צו פארקויפן אויף סכות און דא און דארטן א קליינע סוכה. אין משך פון א צאל יארן ארום 1880 האט מען אויך געקענט זעען פערד און וואגנס ברענגען צו סכך אויף סכות. אט דעם סכך פלעגט מען ברענגען פון ראטשילדס גוט ביי גאנערסבערי־פארק נישט ווייט פון קיו, ווארום לעאפאלד דע ראטשילד פלעגט אנבאטן סכך פריי יעדער יידישער פאמיליע, וואס וועט זיך ווענדן צו אים.

אן אנדערער אינטערעסאנטער שטריך פון דער לאנדאנער איסט־ענד, אויך א יערלעכע זאך, און אויך א פועל־יוצא פון פריוואטער ברייטהארציקייט, איז דאס אויסטיילן ווין צום סדר יעדן איינעם אין א נויט. ערב־פסח יעדעס יאר קען מען זעען הונדערטער ארימע מענטשן זיך פארזאמלען צו דעם צוועק ביים ווין־האנדל אין בריק־ליין. זינט 1893 האט אט די פירמע זיך פארנומען מיט פארטיילן בחינם א פלאש ווין יעדן ייד, וואס וויל קומען עס נעמען. אזוי ארום איז שוין אפילו דער ארימסטער מיטגליד פון דער קהלה ביכולת צו פייערן דעם יום־טוב פון פרייהייט — כל דצריך ייתי ויפסח — „זאל יעדער איינער, וואס געפינט זיך אין א נויט, קומען און האלטן פסח“.



ש. טענענבוים

# דער ייד פון „קאמעא־ווינקל“

באזונדיק אנומלט דעם הומאריסט און טעאטראל וואלף מעזקור, רעדן מיר וועגן דעם לאנדאנער יואוועליר און קינדער־דיכטער משה עובד. מעזקור ווייזט מיר א גאלדענעם רינג, וואס ער טראגט אויפן פינגער, וועלכן משה עובד האט אים געגעבן א מתנה נאך מיט יארן צוריק ווען ער האט באזוכט אין דער שטאט לאנדאן זיין קליינטשיק געשעפטל פון צירונג. אינטערעסאנט איז אומגעפער משה עובדס אויסטייטשונג פונם רינגל: עס שטאמט אפ פונם פאלאץ פון דעם לעגענדארן סיר פראנציס דרייק . . . און אזוי ווי מעזקור איז אריבערגעקומען דעם ים אויף פון ניו־יארק קיין לאנדאן, שטעלט טאקע די בלויע עמאליע אינם רינגל אויך פאר בלויע כוואליעס . . . און אזוי ווי ער קומט אין נאמען, אדער אין שליחות, פונם „גאט“ מאריס שווארץ — מעזקור איז יארלאנג געווען מאריס שווארצס פובליסיטי־אגענט — שטעלט עס פאר אין דער איידעלער עמאליע דעם גאט פון ים, פאסיידאן, לויט דער גריכישער מיטאלאגיע . . . הכלל, עס איז נישקשה פון אן אויסטייטשונג. אבער עס האט נישט ווייניק חן. און חן האט משה עובד דווקא אסך . . .

טייל שרייבערס האט זיך אויסגעדריקט אויף משה עובדן, אז ער האט געשריבן • גראפאמאניע. דאס איז נישט אינגאנצן ריכטיק, ווייל עס איז א קאפעטשקע קורצזיכטיק געזעען. עס איז ווי דאס כאפן א פויגל אין וואלד און קריטיקירן די טעכניק פון זיין געזאנג. מען האט משה עובדס שרייבערייען נישט געקענט אפטיילן פון משה עובדן דעם אייגנארטיקן מענטש און ממש וואונדער־ייד. אפילו זיין קליידונג, זיין סאמעטענער וועסטל, זיין גאלדענע קייט אויפן האלז, זיינען געווען זיין אייגן צוגעשניטענע און אויסגעהאמערטע, זן קאלעקציע מיט צירונג, ספעציעל די יידיש־אלטפרענקישע צירונג, איז געווען זיין ליידנשאפט צו זאמלען. ער האט אליין אויך געשאפן סטיליזירטע צירונג, קליין־סקולפטור, וואס ער האט געלאזט אויסגיסן אין גאלד, אין זילבער, אין בראנז. זיין אופן פון רעדן, זיינע אימפראוויזירטע מעשהלעך און טשיקאווע פאסירונגען, וואס האבן מיט אים געטראפן אלס צירונג־הענדלער; זיינע דערפארונגען מיט אזעלכע פאנאטישע קונסט־און־אנטיקן זאמלער ווי שלום אש, און מיט אנדערע קינסטלער, פאנטאסטן און ביזארע פארשוינען, איינגעשלאסן מיט דער ענגלישער קייסערינע; דאס אלץ איז אויך געווען שאפונג, שעפעריש און צירונגמעסיק ווי דאס ווערק פון א זעלטענעם גאלדשמיד . . .

משה עובד האט כמעט אלעמען געטיילט מתנות און גאלדענע חפצים. די שענסטע ביזשוטעריע האט ער באהאלטן אין זיינע קאסע, וואס איז געווען א נישע אויסגעהוילט אין דער וואנט פון זיין פיטשינקע געוועלבל, וואו די קעניגין פון דער בריטישער אימפעריע — דעמאלט טאקע נאך די מעכטיקע בריטישע אימפעריע — פלעגט קומען און זיך אהין אריינקוועטשן צוגלייך מיט אנדערע געסט, קונים און טוריסן. משה עובד האט געשאפן ווארט־

קונסט ארום גאלד, זילבער און צירונג. דאס גאלד איז אים אריין אין בלוט, אין דער פאנטאזיע. ער האט געמאכט ליטעראטור ארום זיין באגלידעטער פראפעסיע. ער האט אין זיינע שאפונגען איינגעשמאלצן מעשה, פאלקלאר, פאנטאזיע, געמיט, וואונדער, נס, יידישע לעגענדע און היסטאריע.

משה עובד איז אליין און אינגאנצן געווען א זעלטענער אנטיק פון א סארט „תהלים־ייד״, וועמען דאס יידישע לעבן, דער יידישער פאלקלאר, די יידישע חכמה, די יידישע פקחות און מוח־שארפקייט — געפארט מיט פאלקס־ליד און מיט דער פאלקס־פאעזיע, האט געשאפן און אויסגעגאסן פון ריינעם גאלד, ווי א גאלדשמיד שמעלצט אויס מיט ליבשאפט א קליינע סטאטוע פון א פרויען־נוד, וואס לויכט ווי א מיניאטורינע זון מיט אירע אייגענע בריליאנטענע שטראלן. ער האט געלויכטן מיט זיינע גרויסע, קבליסטיש־צעשטראלטע אויגן. אין אים האט געגליט א זיס און גרויס יידיש הארץ, ממש דאס הארץ פון א צדיק, וואס טיילט אויס גוטס, נישט אויסגערעדט זאל עס זיין . . . און דער פיזיש־טויטער משה עובד קען איצט סאי ווי נישט באצאלן מיט גאלד פאר די דאזיקע אויפריכטיקע ווערטער, וואס איך שרייב וועגן אים מיט פארערונג . . .

ניו־יארק, 25 פעברואר, 1969

עלען ווינאגראד

## שיע טענענבוים — דער שרייבער מיט אן אידעלער נשמה

### — שטערן אויף מיין וועג —

שיע טענענבוים קען איך שוין א שטיקל צייט; מ׳קאן זאגן א לאנגע צייט. דאך איז אונזער פריינטשאפט געבליבן יונג און פריש. דאס איז טאקע צוליב אים, ווייל אלס פריינט איז ער נישט אויפדרינגלעך און ווייזט תמיד ארויס אן אידעלע צוריקגעהאלטנקייט.

דאס ערשטע מאל האב איך באגעגנט שיע טענענבוים ווען איך האב באזוכט יצחק ליבמאנס רעדאקציע פון דעם „ניו־יארקער וואנבלאט״ אויף יוניאן־סקווער אין ניו־יארק.

יעדן מאנטיק נאכמיטאג פלעגן זיך דארט צוזאמענעמען א גרופע נאנטע חברים פון יצחק ליבמאן, ס׳רוב שרייבער, אקטיארן, כלל־טוער און סתם אזוי מענטשן. מער ווי איין פריינטשאפט פלעגט זיך דארט אנבינדן און אפטמאל אויך געבליבן פארקנופט אויף לאנגע יארן. און אזוי איז טאקע געשען מיט מיר און טענענבוימען.

שיע טענענבוים איז א פרוכטבארער און קערנדיקער שרייבער. דאס בוך, וועגן וועלכן איך וויל אצינד רעדן, איז זיין 17טער; א באדייטנדיקער ביטראג צו דער יידישער ליטעראטור. פאראן שרייבער, וואס זיינען נאך פרוכטבאר ווען די וועלט טוט זיי אן א קרוין אויפן קאפ; וואס ווילן שוין בולט זען



זייער דערפאלג סיי מאטעריעל און סיי מאראליש. אויב נישט, ברוגזן זיי זיך אן ווי קינדער ווען מען גיט זיי נישט דאס, וואס זיי ווילן. נישט אזוי שיע טענענבוים. שרייבן איז זיין לעבן, זיין עקזיסטענץ. דאס, וואס ער איז נישט דרייסט ארויסצוזאגן מינדלעך, שרייבט ער אין זיינע ביכער.

ער זאגט אויך ארויס א שפאר ביסל פילאזאפיע און פסיכאלאגיע אין באצוג צו די מענטשן, וואס ער באשרייבט און סתם אזוי פילאזאפיע. „געשטאלטן ביים שרייבטיש״, א שפארע וואלום, אנטהאלט צענדליקער אפשאצונגען פון שרייבער און קינסטלער, מיט וועלכע שיע טענענבוים, אין משך פון זיין שרייבערישער קאריערע פון פערזענלעך לעבן, איז געקומען אין קאנטאקט. ער באשרייבט זיי ערלעך, מיט אן אינערלעכן בליק אויף זייערע מעלות און חסרונות. ערלעך און אן שום אייפערזוכט גיט ער אפ כבוד די גרויסע, אנערקענונג די נישט־גרויס־געווארענע. מיט א מענטשלעכן מיטלייד און טאלעראנץ קוקט ער אויף זייערע שוואכקייטן. איין געדאנק פלאגט אים זיין גאנץ לעבן, און איך ציטיר:

„פארוואס, אויב ער איז געווען אימשטאנד, האט ער נישט געטיילט קיין רייכטום און גאלד מיט א פולער האנט צו די מענטשן פון זיין צייט און דור? פארוואס איז ער נישט געווען קיין מאן פון גרויסן הארץ און מיט טיפן רחמים? פארוואס האט ער זיך נישט מענטשלעך באליבט געמאכט ביי זיינע צייט־קאלעגן, פריינט און קרובים?״

דאס קען ער נישט און וויל נישט פארשטיין. עס איז אים א שאד פארוואס געטלעכער טאלענט זאל נישט זיין פארפאלקאמט מיט אידלקייט פון נשמה.

ווען איך האב געלייענט זיין בוך, בין איך געווען דערשטויגט און פאסצינירט פון אייניקע קאפיטלען. דא און דארט בליצט א פונק פון קונסט. אין דער קלארקייט, מיט וועלבער ער סקיצירט די פערזאנען, שטעלט ער זיי אוועק נעבן אייך, אזוי, אז כאטש איר האט דעם באטרעפנדן שרייבער קיינמאל נישט געקאנט, האט איר אן איינדרוק, אז איר זענט געווען נאענט צו אים.

באזונדער אפעלירט צו שיע טענענבוים די טראגעדיע, די אומפארמיידלעכקייט פון טויט, קראנקייט. ער באדויערט, אז דער קינסטלער, וואס שאפט אומשטערבלעכע זאכן, זאל אליין זיין דער קרבן פון עלטער און אומצופרידנקייט; אז דער גייסט זאל נישט קענען אריבערשטייגן דעם גוף. דאס קענט איר זעען אין זיין שרייבן נאך א מאל פון נאך א מאל.

פאראן שרייבער, מיט איבערטריבענער אבער נאר נארמאלער אמבאציע. שיע טענענבוים איז א שרייבער, וואס אמביציע שפילט נישט קיין הויפטראל. ער לאזט זיך אויך אסך מאל צופיל באאיינפלוסן פון זיינע אייגענע געדאנקען און פארגעסט, אז נישט אלץ, וואס איז ביי אים פון דער גרעסטער וויכטיקייט, טוט אויך באאיינפלוסן דעם לעזער. דאס איז אפשר דערפאר, ווייל ער איז נישט געוואוינט צו שרייבן „טו ארדער״, אויף באשטעלונג; און האט נישט געפילט די אומרחמנותדיקע האנט פון א שעף־רעדאקטאר.

איין זאך איז קלאר — ער איז נישט מקנא קיינעם, אפילו נישט דעם גרעסטן; דעם, וואס כבוד און רייכטום איז א טאג־טעגלעכע דערשיינונג. עס זעט נעבן דעם מענטשן דעם שקעלעט. גרויסקייט פארשווינדט, אבער גוטסקייט, רחמנות, איידלקייט איז אייביק. ער צעשיידט נישט דעם קינסטלער פון דעם מענטש. ביי אים גייען די צוויי האנט ביי האנט. וויפל אמת עס ליגט אין דער טעאריע, דאס איז א פראבלעם וואס איז אפן צו דעבאטע.

שיע טענענבוים איז אייביק באאיינפלוסט פון זיינע אייגענע דערינע־רונגען. דאס, וואס ער האט מיטגעמאכט מיט זיין נישט־געזונט זיין; די צייט, וואס ער האט פארברענגט אין סאנטאריום האט ארויסגעלייגט א סטעמפל אויף אים סיי אלס שרייבער סיי אלס מענטש. ער פילט זיך אביסל אפגעזונדערט פון די טאג־טעגלעכע פראבלעמען, פון זיינע פריינט שרייבער. די קליינ־לעכע זארגן, קריגערייען, ריוואליטעט און די אומגעצײלטע טעגלעכע גערא־גלען לאזן אים אומבארירט. „עס לוינט זיך נישט, טראכט ער, צו וואס?״ דאס קענט איר אויך בולט ארויסזעען אין זיין שרייבן. אלס שרייבער איז ער אזוי ווי אלס מענטש, חבר, געטריי און באשיידן. א זעלטענע זאך אין דער יידישער ליטעראטור.

מאיר גערטנער

## על נהרות בבל

א לאנגע קייט פון רצחנישער אכזריות און גרויזאמע רדיפות ביי די טייכן פון בבל: אומגעקומענע אין נח׳ס מבול; פארטריבענע אין נבוכדנצרס גלות; און דערמארדעטע אויף באגדאדס תליות. ווען דאס אכזריות פון די רוצחים איז אוממענטשלעך גרויזאם ווערן די פיינזיניקסטע דיכטער נקמה־דורשטיק. „אין זאת כי . . . דאס קאן גאר אנדשער נישט געמאלט זיין, ווי נאר אז איר האט אונז געמאכט צו ווילדע חיות. דעריבער וועלן מיר אומבארמהערציק אייער בלוט טרינקן, און דאס גאנצע פאלק וועט דערוועקט ווערן און שרייען: נקמה״. אזוי האט דאס ביאליק געשריגן צו די רוצחים פון רוים אין בר־כוכבא׳ס צייטן. „נעור כל הגוי ויאמר: נקם.״

פארשטיין מיר טאקע די קאלטהערציקע באשרייבונג פונעם דור־המבול׳ס פארניכטונג אין אונזער חומש. פארשטיין מיר טאקע אויך זייער גוט די מוראדיקע עין־תחת־עין־געפילן פון יענעם צארטן תהלים־ליריקער, וועלכער האט ביי די טייכן פון בבל ווי א ווילדע חיה אויפגעשריגן: „טאכטער בבל, דו רייבערישע, וואויל צו דעם, וואס וועט אנכאפן און צושמעטערן דיינע קליינע קינדער אן דעם פעלדז״. פארשטיין מיר אודאי אויך פארוואס דער פיינער חנוכה־פייטן פון מעוז־צור, אינעם דייטשן מיטעלאלטער, האט דאס געקאנט אזוי אומברחמנותדיק מתפלל זיין אז די קרייצצוג־רוצחים זאלן געשחטן ווערן: „לעת תכין מטבח — ווען דו וועסט אנגרייטן א שחיטה, מצר המנבח — פונעם שונא וואס בילט״. פארשטיין מיר טאקע אויכעט דעם היינטיקן דיכטערס געפילן, וואס וואלט „געוואלט גרויס־בבל צעגראבן אינ־



גאנצן״. די תליות דערפילן אים מיט נקמה.

אבער ער, דער היינטיקער זינגער, דערגרייכט העכערע מדרגות. ענע די פריריקע האבן געזונגען אין פיין און צרות, אן א שום נאענטע האפענונג. ער אבער זעט שוין באשיינפערלעך די קומענדיקע גאולה: באלד וועט „די פינסטערניש גאנץ פארגאנגען זיין; באלד וועלן מיר אלע קיין ירושלים געגאנגען״ זיין. מיטן כוח פון דער האפענונג קען ער דעם נקמה־געפיל באקומען. אנשטאט „גרויס־בבל צעגראבן״ וויל ער ליבערשט ׳זינגען ליכט־געזאנגען׳.

פון על־נהרות־בבל ביז עוד־לא־אבדה־תקותנו.

בערנארד קאפס

## די תליות אין באגדאד

פון ענגליש: מאיר גערטנער

ווי קליין דער ארט אוואו מיר שטיין,
פון בבל ארומגערינגלט אליין,
פול מיט הרוגים בלוטגעשטאנק,
פארגליווערט זינט דעם מבול יארנלאנג.
צעמאלן געהירן, צעריבן געביין
ווערט ניי געבוירן ווי פלאסטערשטיין.

געוואלט גרויס־בבל צעגראבן אינגאנצן,
מיט בלומען די סקעלעטן באפלאנצן.

דאך ווילן מיר זינגען ליכטגעזאנגען,
ביז פינסטערניש איז גאנץ פארגאנגען,
און מיר קיין ירושלים געגאנגען.

## דער פאעט שמעון וווזעק צו זיין 75־סטן געבוירן יאר

מיט א האלבן יארהונדערט צוריק האבן אין קוילן־געביט ריינלאנד־וועסטפאלן געארבעט טויזנטער און טויזנטער יידישע ארבעטער אין די דאר־טיקע קוילן־גרובן און אייזנגיסערייען — די „אנגעלאפענע״ פון פוילן און אוקריינע האבן זיך ווייניק גומישט מיט די דארטיקע יהודים. זיי, די פליטים האבן געהאט זייער יידישלעך פראלעטארישן „קולטור פאראיין״, „דראם־קרייז, „געזאנג־פאראיין״, „הזמיר״, ביבלאטעק, א שול, א פרץ־קלוב.

איינער פון די גרינדער און מיטאנפירער איז געווען דער דעמאלט נאך יינגער פאעט שמעון וווזעק. צו זיי האט אויך געהערט אליהו פאלושאק ע״ה דער שרייבער און רעדנער וואס האט זיך באזעצט דא אין לאנדאן.

צו יענע גולי־גערמאניע ביי אונז אין לאנדאן געהער אויך יאסל גרינ־בערג, אן אקטיוויסט, יענע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס אין עסן און דארטמונד

אן אמאטאר־זינגער און רעציטאטאר אין „הזמיר“ און אין קולטור פאראיין. פון זיינס א העפט,— וואס וואזעק האט געלאזן ביי גרינבערג, ווען מ׳האט אים וואזעקס ערשטע לידער געשריבן נאך אין קאליש אין יאר 1913 — און אפשר טאקע גאר זיין ערשט ליד, און דאס פרץ־ליד: „דער נר תמיד“.

וואזעק האט זיך באזעצט מיט זיין משפחה אין אמעריקע, אין דער שטאט ראטשעסטער. מיר זעען איצט געדרוקט זיינע לידער אין פארשידענע זשור־נאלן. אויך אין „לשון און לעבן“ דריקן זיי זיך טיילמאל, און ווי דער גוט־באקאנטער דיכטער ישראל עמיאט זאגט עדות איז ער אויך דארט אקטיוו

האב איך דאך אויך א שטיקל שייכות מיט יענע פליטים. ווונש איך דעם בעל יובל נאך א סך גוטע יאר, אים און זיין משפחה און ווייטער אנגיין מיט ויין וויכטיקער ארבעט.

א. נ. ש.

פארשיקט נאך זבאנזשין,— דריקן מיר טאקע אפ דאס ליד „פארנאכט“, איינס פון אין יידישע קולטור־ארבעט.

## שמעון וואזיק צו די 75

איך ווייס נישט ווי איך וואָלט אנגעפירט מיין קולטור־טעטיקייט אין היגן יידישן צענטער, ווען איך וואלט נישט געהאט ביי מיין זייט שמעון וואזעקן, דאס פינפטע יאר, ווי איך ארבעט ביי דעם היגן יידישן צענטער אין ראט־שעסטער, ווי דער קאארדינאטאר פאר יידישע אקטיוויטעטן אין די גאנצע צייט שטייט מיר שמעון וואזעק, דער פאעט און איבערזעצער ביי מיין זייט, און דער פארוואלטער פונם י. ל. פרץ לייען־קרייז מיט ראט און טאט ביים ארגאניזירן יעדן חודש ליטעראַרישע אונטערנעמונגען.

שמעון וואזעק, דער פאעט און איבערזעצער, פון די וואונדערלעכע לי־דער פון ריינער מאריא רולקע און עלזא לאסקער שולער, און אויך א קולטור־עסקן אין אונזער שטאט, וואס העלפט מיר אפט מיט זיינע עצות און די פראבלעמען פונם היגן יידישן צענטער.

עס געלויבט זיך מיר קוים, אז שמעון וואזעק איז שוין 75 יאר, לויט זיין טעמפעראמענט, דאכט זיך מיר, אפט אז ער איז א סך יונגער. און איך ווינטש אים פון גאנצן הארצן אנהאלטן אט דעם טעמפעראמענט עד מאה ועשרים.

ישראל עמיאט

די באגריסונג איז אנגעקומען פון חבר דוד וודקא פון ארגענטינע

איך באגריס הארציק מיין טייער לערער און חבר שמעון וואזעק, צו זיין אלט ווערן 75 יאר. איך בין שטאלץ צו זיין איינער פון זיינע דריי תלמידים וואס ער האט אונדז געלערנט זינגען, און שרייבן נאטן. ליידער קענען אים די אנדערע צוויי געטרייע תלמידים שיע זאנשיין, און יעקב שלום זילבערשטיין נישט באגריסן, ווייל זיי האבן עס ניט דערלעבט.

זאל מיין לערער האבן לאנגע יארן און געזונטע יארן, און ער זאל ווייטער קענען אנגיין מיט זיין דיכטערישן און פאעטישן טאלאנט, און ווייטער אונדז



שענקען זיינע וואונדערבארע לידער, וואס מאכן אונדז פיל פריינט, זאלן מיר דערלעבן אים צו קענען ווינשן צו זיין אלט ווערן 80 יאר. די ווערטער קומען פון טיפן הארצן פון דיין אלטן נישט פארגעסענעם חבר או פריינט,

דוד וודקא, בוינעס איירעס, ארגענטינע, דעם 5׳טן יאנואר, 1970.

איך און מיין פרוי באגריסן הארציק אונזער ליבן פריינד, דעם פאעט שמעון וואזעק, צו זיין 75טן געבוירנטאג, מיר ווינטשן אים נאך באשערט זיין פיל געזונטע און שעפערישע יארן.

א דאנק זיין אינטימער פריינדשאפט מיט אונז, איז אונז געווען פארגינט בעסער צו פארשטיין הײנטצייטיקע פאעזיע, און צוליב דעם טאקע מער צו געניסן פון זיין פאעטישע שאפן.

ראטשעסטער, ניו־יארק (יונייטעד סטייטס)

אליהו און אנא שווארץ

י. ש. וואוזעק

## פארנאכט

וויט, דארט וויט וואו ס׳לאזט דער הימעל זיך אראפ,
צאנקט דאס לעצטע פורפור־גאלד פארנאכט,
און צעגיסט זיך ברייט אין רויטע פלאמען,—
ס׳קוקט דער הימעל, גלייך א צארנדיקע מאכט . . .

שטיל אזוי נייגט דער טאג אהין אויף מעריב,
ס׳הילט אין שווארץ זיך אלץ ארום אויף וויט און ברייט,
נעמט ארום די גאנצע ערד אין פינסטערן כאאס,
ס׳לעשט זיך ס׳מאטע, לעצטע ליכט אויף יעדער זייט . . .

ס׳בלאנזשען שווארצע שאטענס אום מיין פענסטער,
קריכן אויף די ווענד אריבער אין מיין שטוב,
ס׳ווארפען אויף מיר אן א פחד די געשפענסטער,
און די שטילקייט איז אזוי מיר זיס און ליב . . .

אומעטיג אזוי און ווייך איז מיר צום הארצן,
ס׳נאגט אזא מין שטילער, טיפער ווײ,
קלאפט א ווינטל לייכט אין מיינע שויבן,
טרעפט עס מיר אין הארצן קלאפענדיג אזוי . . .

## דער נר־תמיד

(צום 22־סטן יאר־צייט פון י. ל. פרץ)

מיר לעשן אויס די ליכט פון טרויער,
מיר טוען אויס דאס אבל־קלייד,
מיר ברענגען בית־המקדש־לייכטער,
און צינדען אן די ליכט פון פרייד.

זאל זיין א יום־טוב, לאנג און ליכטיק,
און זינגען זאל די גאנצע ערד,
און זינגען שירה זאל דער הימעל,
ווייל אונדז א נביא איז באשערט.

אנ׳עמוד־אש אין גייסטיק מדבר,
געשפראצט פון אונדזער הייליק שויס,
א זון איז אונז אראפגענידערט,
וואס לעשט נאך דורות זיך נישט אויס!

ווי אויף א בארג א ריזן־צעדער,
צעבליט זיך שטאלץ דיין ווארט, דיין ליד,
און ס׳לייכט די שכינה אויף דיין פעדער,
פון געטליך האנט, פון גאלד געשמידט.

פון גאט געבענשט מיט הייליק פייער,
די ליפן מיט קדושה־פלאם,—
עס וועט דיין זעל, דער נר־תמיד,
פארלעשן נישט אין טיפן ים!

א טרייסט געבראכט! א שווערד געשמידן,
אוועק געשניסן, ווי א העלד!
א פייל־און־בויגן אונדז געגעבן,
און שמייכל־בלימלעך מיט אין פעלד . . .

געשפינט האסטו אונדז נייע פעדים,
אין וואלקנדיקער, גרויער שעה —
די קרוין פון אונדזער פען אין יידיש,
מיין פרץ! פרץ! דאס ביסטו!!

## אויף פרעמדע גאסן

איך ווייס ניט ווער עס ציט געהיים מיין הארץ צו מזרח,
ווען איך מוז דא אויף פרעמדע גאסן יעדער פוסטרירט בארגן.
דאס טוט די זון, מיט שטארק פארפירערישע פרילינג־ליכטער,
וואס שווימט צו מיר אהער פון מיין שטעטלס בלויען מארגן.

א ווינטל צעגראבלט ווארעם־ווייך מיין בלאנדן שויבער,
ווי א קעצל מיט סאמעטענע לאפקעס, יונג־צעשפילטע.

ס׳שיינט־אויף מיין יוגנטס אוצר אין זכרונס וואנדערדיקן רענצל,
וואס קילט די טריט אין בראנד פון קללה איינגעהילטע.

א ליכטיק ליקל שפאלט זיך אויף אין דימיונס בילדער־פלאנטער;
מיין יידיש געסל קומט פון מיין בענקשאפט וואלד ארויסגעריטן.



אט רויטלט זיך דער בית המדרש, די ספרים־שרענק נאך דרימלען,
און צווישן שרענגעס הייזלעך שלאפט דער רונדער מארק איינמיטן.

מיין שטעטל איז אקערשט אויפגעוואכט פון לאנגען, מידן ווינטער,
עס וואשט זיך ערשט די נעגל, רייבט זיך אויס די פרומע אויגן.
די מאמעס שרויפן אויף די לאדנס, וועקן אויף די ליבע קינדער;
— אוי, קינדער, קומט צום פענצטער, באטשאנעס קומען אנגעפלויגן.

די זון צעגליטשט זיך שטיל אויפן שטעטלס פרישן הימל,
און שיט אראפ א מבול סטענגעס, גאלדיק־העלע.
א שפערלינג צוויטשערט אין פליגל־לאך פון אלטן ווינטמיל,
אויף ערשט־צעגרינטע לאנקעס ווינקען בלימלעך געלע.

דער פסח זינגט שוין הינטערן שוועל, דער ליבער יום־טוב פסח!
וואס טוט זיך דא אין זלאטע דער בעקערינס קעלער דערינען?
א ציכטיק מיידל־כאר צעזינגט דאס קליינע, בלאנקע פענצטערל,
איי, מיין שטעטלס טעכטער וואלגערן לידער אויף מצות דינע.

דאס זענען אונדזערע שיינע כלות, אין שערצן כשר־ריינע.
שולמית׳דיקע ליפן גרייט צו גאט פון אברהם צו בעטן.
די כישופדיקע צעפ, פארשלייפטע אונטער ווייסע טיכלעך,
עס ברענט דער טייג, וואס די פלינקע מיידל־הענטלעך קנעטן.

די קרומע קעלער טרעפלעך — — ענג און ווארעם זשומען — —
מיט חדר־יינגלעך אנגעפראפט, די בעקלעך ממש פלאמען.
מיין יידיש געסל רוישט מען וואשט און ראמט און כשרט
און מצה־ריח וועקט ס׳געמיט מיט טויזנט פסח׳דיקע טעמען.

און קעגנאיבער, ביי יונה בעקער, ברענט א יום־טוב!
די הייסע רעדלעך איבער שמורה־מצות חסידיש טאנצן.
דעם רבינס ניגון קאלערט פייער איבער וואלגערהעלצער,
די פרומע אויגן, העל מיט שכינה־ליכטלעך גלאנצן.

מיין זיידע, יונג מיט יראה אין ווייס־בארא‌מטן פנים,
טוט ס׳הייליקע שמורה מעל מיט ברונעם וואסער מישן.
זיין זקנה, יא, איך שווער: איז פלוצעם אויס געווארן!
איך זע נאר די יונגע חסידים טוען די ברעמען טראפנס ווישן . . .

איך רייט ווי בליץ אהיים אויף ווייכן צויבער וואלקן.
אין שטוב איז טונקעל. די מעשענע לאמפן גארן נאפטן.
איך זיץ ביים פענצטערס בלויען אוונט־לייוונט,
איך טרינק פון חלומס כוס די חדר־יארנס יונגע זאפטן.

ס׳איז אנדערש היינט דער אוונט. מנוחה בעט אין לופטן.
דער פסח רירט שוין אן די קליאמקע, זאכט־בשתיקה.

דער טאטע ברעקלט ברויט אויף אלע טישן־עקן.
ס׳איז ציכטיק־ריין די הייזקע, גרייט צו חמץ־בדיקה.

ביים סדר־טיש איך זע זיך לעבן מיין צעבליטן טאטן.
דער יום־טוב ליכטיקס. רויטער וויין אין גלעזלעך קליינע.

די מאמע פיין פארקעמט דעם שייטל ווארט אויף קידוש,
די שוועסטערלעך פארפוצט אין קליידלעך נייע, ריינע.

ס׳איז שפעט די נאכט. די שעה איז פארכטיק־הייליק.
די לעצטע כוסות — — פול די טיר איז קיל און אפן . . .
דער אטעם ווארט . . . שפוך חמתך ציטערט . . .ליכטער טריפן.
מיין שוועסטערל, רחלה, אין מאמעס שויס שוין לאנג אנטשלאפן.

אזוי בין איך אין חלומות הינטערן שטאט פארבלאנזשעט
אויף פעדערנע טריט, צעבליצט פון דימיונס פארבן פעכער.
דער נאכט־ווינט, ברוגז־שארף צעבלאזט די אימהדיקע גאסן,
וואו שנאה קאכט און רוגזה שוימט אריבער די דעכער.

(עססען, דייטשלאנד, 1934)

א. נ. שטענצל

## זיך ארויסגעפלאָנטערט (שלוס פון קאפיטל)

IV

א בעט צום שלאפן, לחם לאכול און נאך מיט א פערטל פונט מארגע־רינע, און אין ראמאנישן קאפע, וואס דארטן איבערגעביסן, האט זיך שוין געפונען א גוטער ברודער, א חבר, א קאלעגע וואס משלמט, און אויף טאשן־געלד, איינמאל אין דער וואך ווי א מארק־העלפער! איז די והותר האב איך אנגעהויבן צו לעבן דאס לעבן פון א פרייען שריפטשטעלער.

ארויס פון דער שטרויענער הוט־בודע אונטער דער יאנאוויץ־בריקע אין שפעטן־הארבסטיקן כעלות, דעמאלט ווען דער בערלינער ארבעטער איילט צו דער ארבעט און ווען די גאסן־מיידלעך האבן שוין אפגעארבעט זייער שיכט, און מיך געלאזן אויף מיין מארשריט צום קורפירשטן דאם, צום ראמאנישן קאפע, אזוי, אז ארום פיר אזייגער נאכמיטאג בין איך דארטן אנגעקומען.

דאס גיין האט אמת נאר גענומען בלויז א שעה, אבער די פינף שעה דעצווישן זיינען געווען: אויף א צוויי שעה ארומגעבלאנזשעט אין די זאלן פונם יידישער ביבליאטעק, א צוויי שעה ארומגעבלאנזשעט אין די זאלן פונם קייזער־פרידריך מוזעאום — אלטע שוין גוט באקאנטע בילדער, אבער וויפל מ׳קוקט אויף זיי, קאן מען זיך גאר נישט זאט אנקוקן! — און אויפן לאנגען וועג, ווי טרעפט מען נישט א באקאנטן און מ׳כאפט א שמועס א שעה אנדערהאלבן.

און אנקומענדיק אין קאפע אריין דורך דעם שיינעם וועג: אונטער דען לינדן, טירגארטן צאו, האב איך שוין געהאט דערווייל „עפעס" אנצושרייבן,



אידער „אונזער עולם" איז זיך צונויפגעקומען.

איך ווייס נישט ווי אנדערע שטודיומס, אבער דאס שריפטשטעלער פאך „לערנט" מען שנעל אויס . . . איך האב אלעמען שוין געקענט אויף אויסווייניק און מיך אליין נאך בעסער ווי אלע אנדערע . . . עס האט מיך שוין גארנישט געקענט פארחידושן און איבערראשן, אפילו נישט די „סמוטני מי מאי באזשע"־טוליענדיקע ווארשעוויאנקעס — די „סטודענקעס" און „באטיק־מאלערינס". . .

די צוויי ערנסטע קינסטלערינס, די בלומבערג, — פארפלאנטערט אין א דיסקוסיע, נישט איינמאל מיט איר מיטגעגאנגען אין איר אטעליער, וואו זי האט געוווינט מיט איר אלטער מוטער און שוין געבליבן איבערנאכט, — זייט קולבאק איז אוועק האט זי אינגאנצן אויפגעהערט צו קומען, און חנה קאוואלסקי, זייט דער אנלויף פון די יידישע בחורים און מיידלעך פון פוילן, אנטלאפענע פאר קאמוניסטישע חטאים, האט זי געהאט וויכטיגערעס ווי צו זיצן אין קאפע און ווי אפילו צו מאלן אירע בילדער — זי האט געמוזט איינארדענען די פאליטישע פליטים אנגעלאפענע פון פוילן.

אין איין נאכהאלבער נאכט האט זי זיך דאך באוויזן אין קאפע מיט א „צעבראכענעם קאפ": דער פאטער אירער, דער וולאצלאוועקער רב קומט מארגן צו פארן.

איך קוק זי אן: וואס איז דער מער? אויף דעם זיינען דאך דא די בארימטע בערלינער פראפעסארן, אז מ׳זאל צו זיי קומען? פוילישע יידן האבן שוין פון תמיד ליב געהאט צו פארן צו דייטשע פראפעסארן און אין די גרענאדיר שטראסע האטעלעכלעך האבן זיך ארומגעדרייט זייערע מעקלערס און אגענטן . . .

לאזט זי גאר אויס, אז דער פאטער „קומט גאר נישט", ער ברענגט די טאכטער אהער. „זי מוז איבערנאכט ענטרינען, פון דער „דעפענזיווע", שפי־צלס זיינען אונטער איר . . .

און זי הויבט מיר אנצודערציילן ווי די שוועסטער, דער „עלוי" פון דער משפחה, — גאנץ „קאפיטאל" קאן זי ממש בעל־פה! — דער פאטער איז טאקע דער פארזיצער פון דער „מזרחי" אין פוילן, אבער זי איז די נשמה פון דער לינקער פועלי ציון . . . אז זרובבל איז געקומען קיין וולאצלאוועק האט ער מיט איר א גאנצע נאכט דיסקוסירט, געזעסן אויפן זעלבן בענקל, וואס שלום אש, — ווען ער איז געווען א תלמיד אין איר פאטערס ישיבה! —האט גאנצע נעכט אין קיך געשריבן זיינע ערשטער דערציילונגען און איר מוטער, די רביצין, האט אים געמאכט דעם טינטאקס.

„ווי זעט מען זיי שוין! היינט ביי נאכט מוזן זיי בשלום אריבער די גרענעץ. דער פאטער איז טאקע דער „פאציענט" און זי אין זיין באגלייטערין . .

„זאלן זיי נאר בשלום דא זיין. דער ברודער וועט זי שוין איינארדענען; ער איז א סעקרעטאר אויף דער סאוויעטישער אמבאסאדא. און ווער האט אלטערן איינגעארדנט, ווען ער איז געקומען דירעקט צו לויפן פון בית מדרש

אין סטאשעוו״?

אז אן ארבעטער קומט גייט עס זייער לייכט, אויפן וועדינג די דייטשע ארבעטער נעמען זיי אויף בלב ונפש, און פאר אן אינטעליגענט, א סטודענט זיינען אפן אלע סטודענטן־„קעמערלעך״, אבער וואס טוט מען מיט אזא, מיט זיין גאנץ חריפות אן שום פיצל סיסטעמאטישקייט? האט אים דער ברודער איינגעארדנט ווי א טעלעפאניסט ביים אמבאסאדאר . . .

* * * *

דער צוריק אהיים פון קאפע נאך האלבע נאכט איז בשום אופן נישט געווען ווייניקער אינטערעסאנט ווי דער וועג אהין בייטאג.

ביז צו דער פאטסדאמער אונטערגרונד, צו כאפן נאך דעם לעצטן צוג האט זיך נאך מיטגעשלעפט א לעצטער, וואס האט געהאט א לעצט רכילותל אדורכצושועסן. און פון פאטסדאמער־ ביז צום אלעקסאנדער־פלאץ, איבער דער עלעקטריש באלויכטענער לייפציקער שטראסע האט זיך שוין געצויגן א גלייכער וועג ווי נאך א שלאכט. דא און דארט שלעפט זיך נאך א לייכט־פארווונדערטער נאך א בארעם־הארציקער שוועסטער אין א טויער אריין . . . א דראשקארזש, א פרוי רופט דיר נאך . . . דאס געשען פון א גאנצן טאג גייט דיר נאך — דו הערסט דאס קלאפן פון די טריט אויף דעם פאנטאזטיש באלויכטענעם טראטואר, פון די גאסן לעמפ, פון די שרעק באלויכטענע שויפענסטער און דיין פאנטאזיע צעשפילט זיך דיר ערשט —

דא איז כאשין געקומען אנצופליען פון ארץ־ישראל מיט א ווילדן רעש כאטש, ס׳גאנצע ראמאנישע קאפע לאזן אויפגיין מיט א באמבע דורך דער לופט. אלכסנדר כאשין! דער נאמען אליין שוין איז אנגעלאדן צום אויפשיסן — פלאמען אויסצושיסן! אבער ביי זיין זייט זיצט זיין צארט ווייבל, און גאנץ ארץ־ישראל ליגט נאך אויף איר פנים, די מאמע רחל קוקט ארויס פון אירע כשרע אויגן, זי נעמט איר גוטן בליק פון אים נישט אראפ! און דער גאנצער יידישער רוצח קריגט מיט אמאל, אזא אויסגעאיידלט פנים — ער ווערט שטיל, אבער מ׳זעט ממש ווי זיין הויכער תלמיד־חכם שטערן ארבעט; קנייטש זיך מיט א פרעג אין דער לענג און ענטפער מיט א קנייטש אין דער ברייט . . .

אויף איינמאל קומט אנצולויפן פרויליין בארטש, א געשמירטע מיט ליפן־שטיפטן, א געצייכנטע מיט ברעמען־קוילן, א געפאדערטע — אן אפגעמאלטע, ווי זי וואלט אראפ פון איינע פון אירע לייוונטן . . . גאנצע פעק מיט נייעסן: פאפא סעגאל, און „דער מאקס, דער מאקס״ און דער עיקר גרוסן פון סאנטגאלן.

די גאסן ווערן טונקלער, מיינע שריט שנעל, די שריט קלאפן העכער, די געגנט איז נישט מער אזא זיכערע. מיינע שריט ווערן שנעלער און מיינע געדאנקן איילן מיט: זיכער איז לערנען שפראכן, קענען די וועלט־ליטעראטור א גרויסע זאך, אבער פאר דער גאנצער געהעמערטער „גלאקע״ און דעם באלאדן־פאנטאזטישן „ערל־קעניק״, וועל איך נאך נישט אוועקגעבן קיין איין פסוק פון תהילימל . . . אז וואס איז דאס גאנצע מאדערנע בילדלעכקייט קייגן דעם איינעם זאץ „ההרים רקדו כאלים״?. . . און די אלע נאטור־באשרייבעכצער



קייגן דעם קאפיטל „ברכי נפשי״?. . . און אז איך פלעג הערן דעם טאטן זאגן שיר השירים פרייטיק פארנאכט?. . .

איך בלייב שטיין ביי א לאמטער, נעם ארויס מיין בליישטיפטל און פאר־צייכן, ווייל כ׳האב מורא, אז ביז כ׳וועל אהיימקומען וועל איך פארגעסן:

איך הער דיין נאמען,
ווי דיין מאמע זאגט צום טאטן:
וואס מאכט אצינד אונזער נחמהלע?

מארגן פארט זי אפ נאך אמריקע. פיר וואכן האט זי דא געווארט אויפן „עפידעוויט״ — דעם אויסגעטאקטן יידיש וואס זי רעדט, ווי אירע ליפלעך, ווי איר נעזל . . . וחן מקום על יושביה — ס׳גאנצע שטעטל . . .

ניין, איך האב דעם פאדעם נישט פארלוירן, מיינע טריט ווערן שנעלער און דאס קלאפן פון מיינע טריט נאך העכער.

ניין, עס וועט מיר שוין גענוגן פון דער מאדערנער וועלט־ליטעראטור דאס, וואס אונזערע מאדערנע יידישע פאעטן און שרייבער האבן ביי זיי געלערנט . . .

און איינמאל אזוי אנקומענדיק, אין א שפייסצונאכטס ביים אלעקסאנדער פלאץ, טרעף איך אן א געזעמל יידן, וואס איילן מיט חסידישן התלהבות ארויס פון דער מינץ שטראסע צום באנהאף צו; דאס געזעמל איז נישט געגאנגען, נאר ראד און רעדל האט עס זיך געוויקלט אלץ ווייטער און ווייטער, איך קום צו נענטער און זע קאפעלאזשן און בעקעשעס, יידן מיט בערד און בחורים מיט פאות ארום ראדאמסקער רבין ווי ער איילט מיט זיין זריזות!

נישט קיין וווּנדער וואס איך האב אים דערקענט, אבער אז האט הער מיך נאך פריער דערזען! אזוי מיט מיין טשופרינע אן אהיטל!

איך וואלט נישט געוואגט צוצוגיין, נאר דערזעענדיק זיין זריזותדיק צו־געווארפענעם שמייכל, האב איך אויסגערופן: אוי־ווי־געוואלד, דער רבי״!

„אברהם נחום, כ׳וועל נ׳טאטן זאגן, אז דו רעדסט נאך יידיש״. און דער זריזותדיק שמייכל האט נאך שטארקער געלויכטן, ווי פון עפעס א שכלדיקן איינפאל . . .

דאס גיין איז געווען אזוי שנעל, אז איך האב געקענט קוים מיטהאלטן. אין א רגע כממרא איז דער רבי שוין געווען אין קופע און די צוויי שמשים נאך אים.

ווען איך האב מיך אויסגעדרייט שטייט אונטער מיר שמואל, א בחור פון טשענסטאכאווער בית מדרש, פון דער „אלטער ראנדא״, פון ראדאמסקער שטיבל. בין איך שוין מיט שמואלן געבליבן, ביז ער איז מיט א צווייטן צוג אפגעפארן קיין פראנקפורט־אם־מיין.

. . . ער איז נישט איינער דארט! א האלב שטיבל וועל איך דארטן גע־פונען, און פון אנדערע שטעט און שטעטלעך. א ישיבה זיך געגרינדעט און מ׳זיצט און מ׳לערנט. און אלע מאל, אז דער רבי קומט, קומט ער און דער רבי גיט אים אזויפיל „וואלוטע״, אז ס׳איז גענוג ביז צום צווייטן מאל.

דער רבי קומט רעגלמעסיק, אלע פאר וואכן. ער איז צוקער־קראנק, קומט ער אויף איינשפריצונגען, צו א פראפעסאר, וואס האט ענטדעקט א נייע ענטדעקונג. ער בלייבט אייניקע טעג אין קליניק און אייניקע טעג אין זיין קאנטאר.

דער רבי האט דא א גרויס קאנטאר, ער איז איינער פון די גרעסטע גבירים — גאנצע גאסן מיט הייזער געהערן אים דא.

„און מיינסטו אפשר, אז נאר די ישיבה אין פראנקפורט? צענדליקער אזעלכע ישיבות האלט ער אויס . . .“

איך קאן דיר זאגן דער רבי אליין טוט מער אויף ווי די גאנצע שלומי־אמונה ישראל“. . . פארטיי בלייבט פארטיי, פאליטיק און פאליטיק. ער טוט און — פארטיק:

דו ווייסט דאך זיין זריזות, זיין רעגלמעסיקייט, זיין פינקטלעכקייט — „דערפאר שבת געהער ער דעם עולם“! דעם ביסל אנשי שלומינו וואס געפינען זיך אין דייטשלאנד . . . דער רוב דרייט זיך טאקע ארום זיינע עסקים . . . אויב רביס האבן אמאל פועל געווען פרנסה פאר יידן, טוט עס אונזער רבי בפועל ממש . . .“

ווייסט וואס, כאפ דיך טאקע אריין צו שלוש סעודות, וועסט דו דיך דערפילן אין דער היים. אז דו וועסט דערהערן א ראדאמסקער „קל מסתתר . .“

ער האט ווייטער אזוי אין איילעניש געוואלט שיטן זיינע ווערטער אבער דער שנעל־צוג איר שוין געשטאנען א סאפנדיקער ווייטער צו יאגן. שמואל איז אריין מיטן רביס זריזות און נאך אויספייעט מיט צוצושרייען: „אין דריי וואכן אם ירצה השם, ליניען שטראסע נומער . . .“

אין דריי וואן ארום, שבת בין־השמשות, גענומען מאסטבוימס פילצענעם קאפעליש מיטן קינסטלער קנייטש פון פארנט און אויפגעזוכט דעם אדרעס פון דער ליניען שטראסע.

כ׳האב אפילו דעם קאפעלוש נישט געברויכט, ווער האט וועם געזען? א התלהבות־טאפנדיקע זינגענדיקע פינסטערניש. אויבן־אן דער רבי דבקותדיק פארווארפן דעם קאפ אויפן אנלען פונם אויסגעבעטן שטול, זיינע שטראלנדיק פארגלייזטע אויגן פינקלען אין דעם שאקלענדיקן זינגנדיקן געקנויל —

דער הייליקער ניגון! כ׳האב אים נאך געהערט אלס ייִנגל ביים אלטן רבין, דער טאטע האט אים נאך מיטגעזינגען ביים „חסד לאברהם“, דער זיידע ביים „תפארת שלמה“ און דער עלטער־זיידע מיט דער הייליקער חבריא.

ווי פון הימל כ׳וואלט אראפגעפאלן, בין איך צוגעפאלן צו דער וואנט, ביי דעם הילכיקן אויעגעשריי: „ויתנו לך כתר מלוכה“.

און אזוי מיט דעם אויעגעשריי איז דער עולם געבליבן א געבויגענער איבער שטול און דער רבי האט גענומען זאגן תורה. און אלץ מיט זריזות א רגע נישט צו פארלירן.

ער האט גערעדט פון קליפות, פון צנורות און אלץ איז אז מיר זאלן צוקומען צום שורש, צום פנימיותדיקן . . . מ׳מוז זיך צערגראבן צום תוך . . .



דאס איז דער סוד פון שבירת הכלים . . . און ווי ביטער דער שורש זאל נישט זיין . . . ווי דער הייליקער פסוק זאגט: „והשורש“ — — און דא האט אן אויסטערליש געהאליש געוויין גענומען שרייען: „א ייד, א ייד, א ייד“, אז א ציטערניש האט ארומגענומען, א גרויל איבער דער הויט איז געגאנגען.

די מנגנים האבן שוין געוווסט און האבן געווארט און זיי זיינען געשטאנען גרייט און זיינען אריינגעפאלן מיט א מארש, ווי א סטאניע קאזאקן וואלטן זיך צעזונגען און שוין גייט א ווילדער חדוה־טאנץ ארום דבקותדיקן רבין אויף שטול, ארום טיש. ארעם קלאמערט זיך צו ארעם, אקסל פאלט צו צו אקסל — מ׳וויל זיך צוהאלטן איינער ביים אנדערן, ווי פארלוירענע קינדער אין פינסטערניש . . . שוין שפיר איך א האנט אויף מיין אקסל — —

איך האב מיך קוים א דריי ארויסגעגעבן, בין ארויס אין גאס! אבער אויף דער גאס האט עס מיך נאך נאכגעיאגט: „א ייד, א ייד, א ייד! און ביז צום היינטיקן טאג יאגט עס מיך נאך נאך. ווי עס פלאנטערט, ווי עס דריוולט — אן אראפגעפאלענער קנוילט וואס הערט זיך נישט אויף צו קייקלען און קנוילן . .

זייט דעמאלט איז אלץ ווייטער אנגעגאנגען, ווי ס׳איז אנגעגאנגען, עס האט זיך אלץ ווייטער אזוי געפלאנטערט ווי ס׳האט זיך געפלאנטערט, אבער כ׳האב געפרווט אונטער שיידן צווישן קליפות און צינורות, געזוכט אויסצושיילן די יאדרעס פון די שאלן — גענומען זוכן דאס שורש . . . עס איז לייכט צו זאגן! עס רעדט זיך נאר אזוי — ביז היינט צו טאג און איך זיך אים נאך אלץ. און נאך אלץ נישט דורכגעקראכן די פארטיי־קאנאלן . . .

ווי האב איך מיך געדרייט גאנצע נעכט מיט אלטערן, געחקרעט, געפילפולט. און אין איין טאג האט ער געמוזט אוועק פון זיין טעלעפאן־שטעל, ווייל מ׳האט אים חושד געווען אין טראצקיזם.

* * * *

איין טאג אין דער פרי, דירעקט ווי כ׳בין אויפגעשטאנען שטעלט זיך אריין א מאדנער מענטש און שטעלט זיך פאר:

מר. חיים, אן ארזשעלער, לעב יעצט אין לייפציק — באשעפטיק מיך מיט חיה־פעלעכלעך, נאר מיך באשעפטיקן דווקא די מענטשלעכע אינסטינקטן — איך שרייב נאוועלן.

איך קוק אים אן, א האלב־פארשלאפענער, א נאך נישט געוואשענער ווי כ׳בין,— דער מענטש זעט אויס ווי אן ארויסגעשפרונגענער פון קנוט האמסונס א בוך, און אפשר ווייל איך ליין אים גראד איצט, — ער רעדט ווייטער:

מ׳האט מיר אין לייפציק געזאגט מכוח אייך, כ׳האב אויך געליינט אייניקע לידער פון אייך. געזוכט אייך אין די הויכע פענסטער, דערווייל שלאפט איר גאר ווי א שומר אין א בודע, ווי א ישיבה־בחור אין ווארשע אין א שניטקראם . . . ווו איז עמך? יידן בלייבן אפנים אומעטום יידן . . .

ער געפעלט מיר: זיין אויפגערעגטקייט, עפעס וועט זיך דאך מוזן אפשטעלן דא, אויב אזעלכע העכט שטראמען אויך אן אין דעם קאנאל דא, אין די פארטיי־ריטשקעלעך . . . און די ארטאדאקסיעס כל־ערליי . . .

„מר חיים האט איר געזאגט? טייטשט דעם מר ווי איר ווילט, אבער חיים בלייבט דאך חיים. ווארט צו א ווייל כ׳וועל מיך פערטיק מאכן און מיר וועלן ארייננגיין אין א קאפע״.

אין קאפע האט ער פון זיינע דערציילונגען נישט גערעדט, ער האט זיך נאר באשעפטיקט מיט מיר:

„איר טארט דא נישט בלייבן. איר קומט מיט מיר קיין לייפציק. מיר האבן א שטיקל סביבה און איר וועט זיך ביי אן ארבעט איינארדענען. לייפציק איז נישט דאס קאלטע בערלין, עס האט נאך די היימישקייט פון יענע לאפּ־ציקער סוחרים . . . אויפן לאפציקער יעריד פלעגט זיך ר׳ לייב שרה׳ס טרעפן מיט אליהו הנביא . . .

און ס׳איז באשלאסן געווארן: ער קאן דא לענגער נישט בלייבן. מיטן ארומזיכן מיך האט ער שוין פארלוירן א נעכטיקן טאג . . . און ער מוז געשעפטלעך נאך זיין היינט אין לייפציק —

„איר באגלייט מיך צו דער באן און איך קויף אייך א נאכט בילעט. קודם קאסט עס כמעט די העלפט, און א נאכט שלאפן שפארט מען אויך איין. און מארגן אין דער פרי דערווארט איך אייך אויפן לייפציקער וואקזאל.״ אגב, ווי געפעלט אייך בערגעלסאנס „ארום וואקזאל״; הא, ס׳איז אן ארויספאר? איר קענט אים וואסער מין מענטש איז דאס?

די פראגע האט ער נאך מיר געוואלט שטעלן אין לייפציק, ווען ער איז אהערגעפארן, אבער יעצט ערשט געהאט דעם שעת הכושר . . . ער געפעלט מיר: „נישט נאר אין די פארשוינען אין „ארום וואקזאל״, ער איז ענלעך צו אלע זיינע האמעטנע מענטשן שווער ארויסגעקנאטן פון הארטן ליים, ער האט אבער נישט אלעמאל פאספייעט ארייננצובלאזן דעם רוח אלוקים. דאס איז אפט די צרה מיטן רעאליזם. דערפאר זעט איר, בלאזט זיך שוין שלום אש״. . . דאס לעצטע האב איך מסתם ארויסגעזאגט, ווייכער צו מאכן דעם זאץ.

נו, נאך אזא התחלה האבן מיר שוין גענוג שטאף געהאט צו דיסקוסירן ביז מיר זיינען צוגעקומען צום וואקזאל און ביז ס׳איז אפגעגאנגען דער לייפדיקער צוג. כ׳האב אים נאכגעקוקט פארטראכט: א מאדנער נאמען, מר־חיים, מר חיים כ׳אים געפרובט מיט דער צונג אויף דער אויבערשטער ליפ . . .

## שוואנען-געזאנג

I

און אז איך וועל אנשרייבן נאך א ליד,
צי איז עס דען שוין אזוי וויכטיק?
אין מיין געהירן אפשר א רגע —
אבער אין דער וועלט ווערן ליכטיק?

ציען נאך א חודש, א וואך, א טאג,
צי איז עס דען גרויס דער אונטערשיד?



און אז סיי ווי סיי צוזאמען מיט מיר,
פארלאשן ווערן עס וועט מיין ליד?

II

ארויסקריכן איך וויל פון מיר,
א שלאנג וואס קריכט ארויס פון איר הויט — —
און אפשר מ׳טוט עס ערשט מיטן טויט?

שניי־געוויי — פון שוואנען־פעדערן,
שווארצע ווראנע איר נעסט שוין אויפבויט.

ווי איך קירטשע מיך, ווי כ׳דריי מיך,
פון איר הויט עס קריכט ארויס א שלאנג — —
ווילאנג קאן עס נאך נעמען ווילאנג?

ווי טויט־פארשוויגן ס׳פינסטערט אין מיר,
און פלוצלינג עס ליכטיקט א געזאנג —

## שניי-ליד

מיט מיינע נארישע צוויי הענט,
קאן איך נאך מאכן א שניי־קויל?
אזא געטאקטן שניי־מענטש גאר,
אויגן — צוויי שווארצע שטיקלעך קויל?

צי צעטאנצן מיך, מיך וואלגערן,
מיט די קינדער הינטן אין שניי?
כאטש דער נאכלויפנדיקער הונט,
א ווילד־צעהאצקעטער מיט זיי?

אבער כ׳קאן דאך ביים פענסטער שטיין,
קוקן ווי דער שניי שיט און שיט,
זינגן א ליד איבער דער וועלט —
אן עפל־בוים שטייט ווייס אין צוויט!

די זון אין וואלקן — דאס נעסטל,
הענגט ווייס־פארשנייט צווישן געצווייג,
און די שוועלבלעך איינגעשלאפן,
פון גרויס פארגאפונג און געשווייג.

## שניי-שטערנדלעך

וואס עס ווערט אויף דער ערד פון די שטערנדלעך?
אויפן הימל זיינען זיי ליכטיקע שטערן!
וואס פינסטערער, חושכדיקער ס׳איז די נאכט,
אלץ פינקלדיקער, אלץ שטראלנדיקער זיי ווערן.

אלץ העכער און העכער זיי דערהויבן זיך,
אין הכלות ליכטיקע, הימלישע ספערן;
צווישן פליאדעס גאנצע מיט זונען, לבנות,
די הימלישע געבענשטע מזלות זיי ווערן!

גורלדיק גרוילעך — קומען זיי דא אראפ,
פון פיס צעטרעטן, בעזעמער זיי אויסקערן;
וואס ס׳ווערט פון פאלנדיקע מעטעארן,
דאס זעלבע פון זיי — שטויב און בלאטע זיי ווערן!

פון גארפונקל געגלאנץ, גין גאלד געטאנץ,
שמוץ־קאליזשעס גאר צו רינען נישט אויפהערן,
די שטראליקע לבנה צי לייכט זי דען,
ווען מענטשלעכע טריט אויף איר געטרעטן ווערן:

מ. באגדאנסקי

## צום טויט פון עני לעף

מיטוואך דעם 19טן נאוועמבער 1969 האט עני לעף — די פרוי פון סעם לעף — אויסגעהויכט איר לעצטן אטעם.

א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש לשון" איז זי, צוזאמען מיט איר מאן, נישט בלויז אפט געקומען צו די שבת נאכמיטאגס, נאר האט אויך, נישט זעלטן, זיך באטייליקט אינעם פראגראם מיט זינגען יידישע פאלקס־לידער. זומער און ווינטער, רעגן פראסט און שניי האבן זי נישט אפגעהאלטן פון קומען. ווער וואלט דאס געגלויבט או זי איז שוין געווען אין איר אכציקסטן לעבנס־יאר. און איר פריינטלעכקייט צו יעדן איינעם מיט וועמען זי פלעגט קומען אין בארירונג . . .

אין די יינגערע יארן האט זי פיל אויפגעטון אויפן געביט פון ברענגען הילף צו די פרויען און קינדער וועמענס מענער און פאטערס, אימיגראנטן פון רוסלאנד, זיינען אוועק צוריק קיין רוסלאנד באלד נאכן אויסברוך פון דער רעוואלוציע אין 1917. מיט דער דאזיקער הילף האט אנגעפירט דער „ארבעטער פאנד" — געגרינדעט דורך דער יידישער סאציאליסטישער ארגא־ניזאציע אין „ארבעטער־רינג". זי איז אויך געווען א טוערין אין „בונד". א ליבהאבערין פון יידישן טעאטער און באזוכט עס כמעט ביז די לעצטע טעג פון איר לעבן.

באליבט ביי אירע צאלרייכע פריינט, מאן, און קינדער, האט איר טויט ביי אלעמען איבערגעלאזט א טיפן ווייטיק אין הארצן. זי וועט פעלן יעדן איינעם באזונדער און זי וועט אויך פעלן ביי די שבת נאכמיטאגס. דא איז ווידער א בענקל ליידיק געווארן — וואס פאר א שאד.

זאל איר מאן, דער חבר סעם, געפונען כוח ווייטער אנצוגיין און א טרייסט אין דעם גוטן נאמען וואס זי האט נאך זיך איבערגעלאזט. כבוד איר אנדענק.



## א ניי בוך פון דר. יעקב י. מייטליס

לכבוד דעם דערשיינען פון א נייער פארש־ארבעט ארום דער אלט־יידישער מעשה פון דעם ליטעראטור־היסטאריקער און פאלקלאריסט, דר. יעקב מייטליס, זיינען זיך צונויפגעקומען ביי אים אין הויז פארגאנגענעם זונטאג א פאר נאענטע פריינד פון מחבר צו א גלעזל טיי. דאס בוך (דאס מעשה־בוך) וואס פארמאגט אן אפקלייב פון 84 מעשיות מיט א קאמפאראטיוון שליסל פון מקורים און מאטיוון צו די מעשיות און אן ארייַנפיר, איז דערשינען אינעם פארלאג „מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראטור" אין בוענאס איירעס. די דארטיקע ליטעראטור־געזעלשאפט צוזאמען מיטן ארגענטיניש ייווא־אפטייל, האבן סוף אקטאבער אפגעהאלטן אן אימפאזאנטע פייערונג לכבוד דעם בוך אינעם זאל פון מרכז החינוך, וואס איז געווען א גרויסער דערפאלג.

**יעקב ריכטיגער**, אין באגלייטונג פון זיין פרוי איז אפגעפארן אויף אייניקע וואכן אין מדינת־ישראל, מיר ווונטשן זיי א מזלדיקע נסיעה.

**מאדאם צעלניקער**, די פרוי פון מאיר צעלניקער געפונט זיך אין שפיטאל מיר ווינטשן א רפואה שלימה.

דער מלומד **ליפא קארן** געפינט זיך אין שפיטאל, מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

**חזן רעוו. זינגער**, פון דער „דאטש־שול", די עלטסטע לאנדסמאן־שול אין ווייטשעפל, איז נפטר געווארן. אונזער טיפן מיטלייד צו דער משפחה.

יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און פאריין פון יידישע זשורנאליסטן

---

**פארבעטן אייך אויף א**

**BRAINS TRUST**

**פראגעס און תשובות אין יידיש און ענגליש**

וואס וועט פארקומען

**זונטיק, דעם 25 יאנואר, 1970, 3 אזייגער נאכמיטאג**

אין

**21 DEAN STREET, LONDON, W.1**

אונטערן פארזיץ פון

יוסף פרענקעל

רעדנער:

ש. גאלדשמידט
ד"ר מנחם מ. ערנסט
י. א. ליסקי
חיים פינער

אײנטריט פריי

קומט אין צייט




ליסקי (ענגלאנד), ישראל סטאלארסקי (ניו יארק), א. א. ליבערמאן (פראנק־רייך), יעקב בעקער (ישראל), משה וואלדמאן (פראנקרייך), שלמה שווייצער (ישראל).

י. א. ליסקי גיט אפ א באריכט פון דער יידישער קולטור־ארבעט אין לאנדאן אויפן אלוועלטלעכן יידישן קולטור קאנגרעס אין ניו־יארק. צוריק־קומענדיק האט ער דערציילט זיינע איינדרוקן פונם קאנגרעס ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס.

## ווארט קאנצערט פון יידישן ליד און הומאר





דאנערשטיק, דעם 29׳סטן יאנואר, האלב אכט אין אוונט, אין קאנוויי־האל, אין רעדליין סקווער, ווערסט ענד, דער ווארט־קאנצערט פון יידישן הומאר און יידישן ליד פון די באקאנטע אקטיאר **סעם גאלדבערג** און **עלען ווינא־גראד**.

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנארד באראן סעטלמענט, הענריקעס סטר. 33, א.1 — שבת 3 אזייגער)

שבת, דעם 24 יאנואר לכבוד שבת שירה — די באקאנטע אקטיארן סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד. צום 75׳סטן געבוירן יאר פונם פאעט שמעון וווזעק, וועט מען רעציטירן די לידער פונם בעל יובל. יאסף גרינבערג וועט זינגען וווזעקס לידער. מאיר באגדאנסקי וועט זינגען פאלקס־לידער.

שבת, דעם 31סטן וועט די באקאנטע אקטריסע עלען ווינאגראד רעדן איבער הערמאן יאבלאקאווס בוך: „ארום דער וועלט מיטן יידישן טעאטער.

289

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4־2 (העפט 70־468) 31־סטער יאר פעב־אפריל 1970, לאנדאן

אינהאלט:

די לעצטע יוצאי פוילן, דער שעפס, מלחמה־לידער, הגדה לשנת תש״ל, א פראסטע מעשה אבער אן אלטע ............ * * * 3
שבתי (דערציילונג) ............ ש. י. עגנון 11
דער באטייט פון שבת (עסיי) ............ יעקב ריכטיגער 15
א ליבעס בריוועלע (ליד) ............ דוד בערמאן 18
אויפן לייפציקער יאריד, דעם תפארת שלמה׳ס סידור, דער חסד לאברהם, דער רבי ר׳ חזקעלע, דער לעצטער פון דער גזע, צום 19טן אפריל 1970. (ליד און פראזע) ............ א. נ. שטענצל 19
„ארום דער וועלט מיט יידיש טעאטער" (רעצענזיע) עלען ווינאגראד 29
איך בין אמאל יינג געוועזן (ליד) ............ י. ל. פיין 31
ש. י. הארענדארף ז״ל (צום ערשטן יארצייט פון א יונגן פריינט) שמואל פידערער 32
א טויט קינד רעדט (ליד) ............ נעלי זאקס 34
„בצאת ישראל ממצרים, בית יעקב מעם לועז" ............ ש. 35
לאנדאנער קולטור ידיעות, יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס.

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער ארבעט

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל
פרייז 2 שילינג
אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*